# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

מקץ - זאת חנוכה

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

ענגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2022 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## מקץ - זאת חנוכה


את אשר האלוקים עושה - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען.......................................ב
למה הרעותם לי - די צרה איז בלויז אַן הכנה צו די גרויסע טובה...................................ו
מוסיף והולך - פאַרגעסן פונעם עבר, און קוקן נאָר אויפ'ן עתיד ......................................ז
כי בא אורך קומי אורי - שבת חנוכה, ראש חודש טבת ..........................................יא
אלא לראותם בלבד - די סגולה פון קוקן אויף די לעכט.............................................יג


## זאת חנוכה


זאת עשו וחיו - דער אויבערשטער זאָגט "קשה עלי פרידתכם" ........................................ יז
אדון הנפלאות - מ'קען אָנטאַפּן מיט די הענט די ניסים'דיגע הנהגה פון דעם טאָג.....................יט
אחרי המשח אותו - די ליכט פון חנוכה זאָלן ליכטיג מאַכן אויפ'ן גאַנצן יאָר ............................כ



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# מקץ - זאת חנוכה

את אשר האלוקים עושה - אַלעס איז פון דעם אויבערשטען

**ויקרא** פרעה שם יוסף צפנת פענח' (מא, מה). דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ נפקא מינה איז עס, ווי אַזוי פרעה האָט גערופן יוסף'ן, און פאַרוואָס דערמאנט די תורה דעם פאַקט אַז פרעה האָט איהם געגעבן אַ נאָמען 'צפנת פענח'?

**ענטפערט** דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל ('תורת משה', פרשתינו, ד"ה 'ויקרא), אַז עס איז געוועזן די עצת ה', אַז פרעה זאָל טוישן דעם נאָמען פון יוסף צו 'צפנת פענח', און אַלע גוים זאָלן איהם רופן מיט'ן נייעם נאָמען. אויב ער וואָלט געבליבן מיט זיין אָריגינעלן נאָמען, 'יוסף', וואָלט דאָך אויסגעקומען, אַז ווען זיינע ברידער, די הייליגע שבטים, זענען אַראָפּגעקומען קיין מצרים צו קויפן עסן, וואָלטן זיי באַלד פאַרשטאַנען אַז דער נייער 'משנה למלך', איז נישט קיין אַנדערער ווי זייער ברודער יוסף...

**נאָך** מער, זאָגט דער 'חפץ חיים' זצ"ל (געברענגט אין ספר 'פרחי שושנה', אַז ער האָט עס געהערט פונעם 'חפץ חיים'), זינט דעם ברית בית הבתרים, איז דאָך געוועזן די גזירה אַז די אידן זאָלן דאַרפן אַראָפּנידערן אין מצרים. אויב ער וואָלט נאָך געהייסן 'יוסף', וואָלטן זיינע ברידער זיך געשעמט פון איהם, און זיי וואָלטן געציטערט פאַר איהם. זיי וואָלטן באַלד אַנטלאָפן פון דאָרט. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן אין פרעה'ס קאָפּ דעם געדאַנק צו טוישן יוסף'ס נאָמען צו 'צפנת פענח', כדי די שבטים זאָלן איהם נישט דערקענען, און זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן שעמען פון איהם. אַזוי וועט מקוים ווערן דער רצון פונעם באַשעפער, אַז זיי זאָלן אַראָפּנידערן קיין מצרים.

**פון** דעם לערנען מיר, אַז אפילו אַ געדאַנק אין האַרץ פון אַ גוי אַזוי ווי פרעה, איז נאָר פונעם באַשעפער, דער 'מסבב כל הסיבות', כדי צוצוברענגען די זאַך צו זיין תכלית, לויט ווי דער אויבערשטער האָט עס באַשטימט[א]...

**ביי** יעדע זאַך וואָס פאַסירט אויף דער וועלט, טוט דער מענטש גאָרנישט אַליין, נאָר אַלעס איז מיט'ן רצון פון דעם אויבערשטען, אין דער צייט ווען עס איז באַשטימט געוואָרן, און לויט וויפיל מ'האָט באַשערט - נישט מער, און נישט ווייניגער[ב].

**ממילא**, קען די השתדלות גאָרנישט העלפן, און נישט קאַליע מאַכן. און כאָטש דער מענטש דאַרף טוהן השתדלות, פונדעסטוועגן, איז עס נאָר וועגן די

---

**א.** הגה"צ רבי משה מידנער זצ"ל האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'תורת אבות'), אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מא, כה) 'את אשר האלוקים עושה הגיד לפרעה'. דער אויבערשטער האָט געלאָזט פרעה וויסן, אַז אַלעס וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, איז מיט דעם כוח פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. אויף דעם זאָגט דער פסוק ווייטער אין דער פרשה (פסוק לט) 'ויאמר פרעה, אחרי הודיע אלוקים אותך את כל זאת אין נבון וחכם כמוך'. עס איז נישט דאָ אַזאַ קלוגער מענטש אַזוי ווי יוסף, דער מענטש וואָס ווייסט אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס, איז דער גרעסטער חכם אין דער וועלט.

**ב.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מב, לא) 'ואת הארץ תסחרו', זאָגט רש"י, אַז דאָס וואָרט 'תסחרו' מיינט, אַרומגיין. דאָס גאַנצע לשון פון 'סחורה' איז פון לשון 'סחור סחור', אַרומגיין האַנדלען. דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, דער האַנדל איז דאָך נישט מער ווי אַ 'מיטל' אויפ'ן וועג צו פאַרדינען געלט. דער עיקר פון די סחורה און פרנסה, איז דאָס קויפן און פאַרקויפן די סחורה. אויב אַזוי, ווערן זיי אָנגערופן "סוחרים', אויפ'ן נאָמען פון אַ זאַך וואָס איז נישט זייער הויפט מהות?

נאָר דאָ לערנען מיר אַ גרויסן יסוד, אַז די עצם פרנסה ווענדט זיך נישט אין דעם מענטש און אין זיינע אַקטיוויטעטן, נאָר לויט וויפיל מ'האָט פאַר איהם פאַרשריבן אין ראש השנה. די גאַנצע 'ארבעט' פון דעם סוחר, איז נאָר זיך צו 'דרייען' 'ארום און ארום' פון איין אָרט צום אַנדערן...

אין דער היינטיגער פרשה געפינען מיר, אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געשיקט זיינע קינדער די שבטים צום משנה למלך אין מצרים, און ער האָט מיטגעשיקט מיט זיי 'מעט צרי ומעט דבש, נכאת ולט, בטנים ושקדים' (מג, יא). איז

גזירה פון דעם אויבערשטען, און מ'טאָר קיינמאָל נישט טראַכטן אַז מ'איז בכח צו פאַרדינען אפילו איין פרוטה מער ווי ס'איז באַשטימט געוואָרן פון הימל, ממילא איז נישט דאָ קיין אָרט פאַר אַ 'געכאַפּטע' השתדלות[ג].

**דער** מדרש זאָגט אָנהייב היינטיגע סדרה (ב"ר פ' פט, ג) אויפ'ן פסוק (תהלים מ, ה) 'אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו' - דאָס מיינט מען יוסף[ד].

'ולא פנה אל רהבים' - ווײַבאַלד ער האָט געזאָגט פאַר דעם שר המשקים, 'זכרתני והזכרתני', האָט ער געדאַרפט זיין נאָך צוויי יאָר אין תפיסה.

**זאָגט** דער רבינו בחיי (אָנהייב היינטיגע סדרה), אַז חז"ל האָבן דאָ נישט געמיינט צו זאָגן אַז דער מענטש טאָר זיך נישט משתדל זיין פאַר פרנסה און אַנדערע זאַכן, ווייל אדרבה, יעדער מענטש האָט אַ חיוב

---

שווער, אויב יעקב האָט געוואָלט געפינען חן אין די אויגן פונעם משנה למלך, פאַרוואָס האָט ער איהם געשיקט נאַר אַביסל פון יעדן מין ('מעט צרי ומעט דבש')?

ענטפערט דער 'נתיבות שלום' (בראשית, ע' רסא), אַז יעקב האָט נאָר געוואָלט יוצא זיין דעם חיוב צו טוהן 'השתדלות'. וועגן דעם האָט ער זיך באַגנוגנט מיט אַ קליינע מתנה. זיינע עיקר כוחות האָט ער אַריינגעלייגט אין תפילה צום באַשעפער, ווי עס שטייט ווייטער (פסוק יד) 'וא-ל ש-ד-י יתן לכם רחמים לפני האיש'.

**ג.** דער של"ה הקדוש שרייבט (אות סט) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מא, טז) 'בלעדי אלוקים יענה את שלום פרעה, את אשר האלוקים עושה הגיד לפרעה'. ווען פרעה האָט געזעהן אַז יוסף הצדיק דערמאָנט שטענדיג דעם שם שמים, דעם נאָמען פונעם באַשעפער, ער הענגט אָן זיין גאַנצע גרויסקייט אין דעם אויבערשטען ברוך הוא. אויף דעם האָט ער געזאָגט, אַז דער גאַנצער כבוד וואָס דער באַשעפער טוט איהם צוטיילן, איז גאָרנישט פון זיך אַליין.

דאָס איז אַ מוסר השכל, אַז ביי אַלע פעולות זאָל דארפן מיר דאַנקען דעם אויבערשטען, וואָס פון איהם איז די גאַנצע גדולה, כח און ממשלה.

דער 'שם משמואל' (מקץ תער"ב) ברענגט אין נאָמען פון זיין טאַטע, הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע, אַז פונקט אַזוי ווי אויל ווערט נאָכגעצויגן נאָך דעם קנויט, כאָטש עס ווערט דערמיט פאַרברענט אינעם פייער וואָס ברענט אין דעם קנויט, אַזוי דאַרף דער מענטש זיך נאָכציהען נאָך דעם באַשעפער, אפילו אויב עס זעהט אויס אין זיינע אויגן אַז עס וועט איהם שאַטן ח"ו, ווייל ווען ער לערנט און דאַווענט האָט ער דאָך נישט קיין צייט צו פאַרדינען פאַר זיין פרנסה, א.ד.ג. פונדעסטוועגן, זאָל ער נאָכגעצויגן ווערן נאָך דעם אויבערשטען און זיך פאַרזיכערט אין איהם, עכ"ל.

**ד.** אַ מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, איז אייביג גליקליך און צופרידן. ער ווייסט אַז אפילו אויב בדרך הטבע זעהט אויס אַז ס'איז נישט דאָ קיין אויסוועג פאַר איהם, קען דער אויבערשטער איהם העלפן אויך אויף אַן אופן וואָס עס איז איהם בכלל נישט געקומען פריער אויפ'ן געדאַנק.

אַזוי האָט געזאָגט דער רבי ר' בונם זי"ע פון פשיסחא (געברענגט אין 'שיח שרפי קודש', ח"ב, כט) מענטשן זאָגן, 'געלט פאַלט נישט פון הימל', אָבער אין אונזער סדרה, שטייט פונקט פאַרקערט. מנשה האָט געזאָגט פאַר זיינע פעטערס די הייליגע שבטים (פרשתינו מג, כג) 'אלקיכם ואלקי אביכם נתן לכם מטמון באמתחותיכם, כספכם בא אלי'. צי זענען דען די שבטים געווען נאַריש ח"ו צו טראַכטן אַז דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פאַר זיי דעם אוצר פון הימל? נאָר ס'איז טאַקע זיכער, אַז מ'וואַרפט אויך געלט פון הימל, ווייל דער אויבערשטער איז דער 'כל יכול'.

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, עטליכע יאָר צוריק האָט ער אַמאָל אין חודש אב, געהאַט גאָר גרויסע הוצאות אין הויז, ווייל עס איז דאָך געווען 'בין הזמנים', ווען עס זענען גרעסער די הוצאות אין הויז, מיט'ן אַרומפאָרן אויף אויספלוגן, א.א.וו. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון ראש חודש אלול, מ'האָט געדאַרפט קויפן ספרים צו לערנען און קליידער פאַר די קינדער, האָט דער יונגערמאַן נישט געהאַט אַפילו אַ פרוטה אין טאַש. אויך האָט זיינס אַ קרוב, פון וועמען ער האָט געהאַט געבאָרגט די סומע פון פינף טויזנט שקלים, אַ שידוך געטוהן מיט זיין זון, און פון איהם געמאָנט דעם חוב. אַלזאָ, דער איד האָט נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן נאָך הילף. יענעם ראש חודש אלול ביים דאַווענען, האָט ער גאָר שטאַרק מכוין געווען ביים זאָגן די ברכה 'ברוך עלינו ה' אלוקינו אל השנה הזאת'.

יענעם נאָכמיטאָג, האָט זיין טאָכטער איהם אויפגעוועקט פון זיין דרימל, זאָגנדיג, אַז זי האָט עפעס געפונען אין די באַהעלטעניש וואו זיי, די עלטערן, באַהאַלטן דאָס געלט... דער יונגערמאַן, וועלכער איז געווען זייער מיד, האָט

השתדלות, נאָר וואָס דען, נאָך דעם ווי ער איז מקיים זיין השתדלות, דאַרף ער גלייבן אַז די ישועה אַליין וועט קומען פון הימל, און נישט דורך זיין השתדלות. ממילא, וועט ער זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען אַליין.

**דאָס** זעלבע האָט פאַסירט ביי יוסף הצדיק. זיכער האָט ער זיך געדאַרפט משתדל זיין און בעטן דעם שר המשקים ער זאָל איהם געדענקען צום גוטן, נאָר ער האָט זיך נישט געדאַרפט פאַרלאָזן אויף די דאָזיגע 'סיבה', נאָר גלייבן און זיך פאַרזיכערן אויף דעם אויבערשטען אַליין[ה].

**וויבאַלד** ער האָט געזאָגט אַ דאָפּלטן לשון, 'זכרתני', און 'והזכרתני', זעהט מען פון דעם אַז ער

---

אַנגעשריגן דאָס מיידל: 'ווער האָט דיר ערלויבט אויפצואוועקן אַ טאַטן אינמיטן שלאָף?'. זי האָט איהם אָבער נישט אָפּגעלאָזט, נאָר ער זאָל קומען זעהן דאָס גרויסע וואונדער וואָס קומט יעצט פאָר אין דעם 'סאַלאָן' פון זייער הויז.

איז דער יונגערמאַן אַראָפּ פון בעט, אַריין אין 'סאַלאָן', און אָט זעהט ער ווי עס פליען צענדליגער באַנקנאָטן פון 'צוויי הונדערט' שקלים, פון די לעכער פון דעם 'עיר קאָנדישאָנער', וואָס הענגט אויבן אויף דער וואַנט אינעם סאַלדאָן...

אַלע קינדער האָבן זיך 'מאָביליזירט' אין דער אַרבעט צוזאַמענצונעמען דאָס געלט, און נאָכ'ן איבערציילן דאָס געלט, האָבן זיי געזעהן אַז עס איז דאָרט געווען צען טויזנט שקלים... נאָכ'ן מברר זיין דעם מקור פונעם געלט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ווי עס ווייזט אויס, האָבן די מיידלעך פון אַ סעמינאַר וואָס האָבן פריער געוואוינט דאָרט אין דער דירה, באַהאַלטן דאָרט דאָס געלט. נאָכ'ן פרעגן אַ שאלה ביי אַ רב, וועלכער האָט גע'פסק'ענט אַז ער מעג זיך באַנוצן מיט'ן געלט (נאָר ער זאָל זיך פאַרצייכענען, אַז דאָס געלט וועט אַמאָל געמאָנט ווערן פון דעם בעל אבידה, וועט ער עס צוריקגעבן).

דערציילט דער יונגערמאַן, אַז ער אַליין וואוינט שוין אין דער דירה שוין לאַנגע יאָרן, אַזוי אַז דאָס געלט ליגט שוין יאָרן באַהאַלטן אינעם 'עיר קאָנדישאָן', און וואונדער איבער וואונדער: ס'איז קיינמאָל נישט 'אַריינגעפלויגן' אין הויז נאָר היינט, ווען ער נויטיגט זיך אַזוי שטאַרק דערין. אויך איז עס אַ פאַקט, אַז מ'האָט שוין מערערע מאָל געדאַרפט פאַררעכטן דעם 'עיר קאָנדישאָן', און מ'האָט דאָרט קיינמאָל נישט געפונען געלט... עס לייגט זיך דעריבער מער אויפ'ן שכל צו זאָגן, אַז פון הימל האָט מען איהם צוגעשיקט דאָס געלט דייקא יעצט, וויבאַלד ער האָט מתפלל געווען פון טיפן האַרצן, און 'מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו כה' אלוקינו בכל קראינו אליו'.

אַוודאי מיינען מיר נישט צו זאָגן, אַז די ישועה פון באַשעפער דאַרף קומען דווקא אויף אַן אופן, ווען דאָס געלט פאַלט אַראָפּ פון הימל... נאָר עס קומט אונז צו לערנען, אַז אויך ווען עס זעהט אויס אַז 'כלו כל הקיצין', קען דער אויבערשטער העלפן דעם מענטש אויף אַן אופן וואָס עס פאַלט איהם אינגאַנצן נישט איין. 'היד ה' תקצר'...

**ה.** אדרבה, דער מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין אייגענע השתדלות, האָט שאָדן. נאָר דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, פאַרדינט, ווי דער 'אור החיים' הקדוש זאָגט אויפ'ן פסוק אָנהייב היינטיגע סדרה, 'ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם', אַז אין משך פון די גאַנצע צוויי יאָר, האָט פרעה יעדע נאַכט געזעהן דעם זעלבן חלום, נאָר ער האָט עס יעדעס מאָל פאַרגעסן. ערשט ביים סוף פון צוויי יאָר וואָס ער האָט עס גע'חלומ'ט יעדע נאַכט, האָט ער געדענקט זיין חלום און איהם באַפוילן צו רופן יוסף ער זאָל איהם באַשיידן זיין חלום.

איז שווער, אויב פרעה האָט יעדן טאָג פאַרגעסן וואָס ער האָט געזעהן אין חלום ביינאַכט, פאַרוואָס האָט מען עס איהם געוויזן אין חלום?

ענטפערט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע ('אמרי פנחס', מקץ, אות עא) מיט אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט ביי דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז ער איז אַמאָל געפאָרן אויפ'ן וועג מיט זיין תלמיד, דער מגיד פון באַר, הרה"ק רבי מענדעלע זי"ע. אויפ'ן וועג, איז רבי מענדעלע געוואָרן זייער דורשטיג, און ער האָט געוואָלט טרינקען וואַסער. האָט דער בעל שם טוב איהם געזאָגט, אַז אויב ער וועט האָבן אמת'ע אמונה אין דעם אויבערשטען, וועט דער אויבערשטער איהם שיקן וואַסער צו טרינקען.

רבי מענדל האָט זיך טאַקע געשטאַרקט מיט בטחון, און באַלד איז אונטערגעקומען אַ גוי, וועלכער האָט זיי געפרעגט, אויב זיי האָבן באַגעגנט אַ פערד דאָ אין וואַלד, ווייל שוין דריי טעג, זוכט ער זוכט זיין פערד וואָס איז דאָ פאַרלוירן געוואָרן אין וואַלד. האָבן זיי געפרעגט דעם גוי אויב ער האָט ביי זיך וואַסער, און דער גוי האָט געענטפערט אַז יאָ, און ער האָט זיי טאַקע באַלד דערלאַנגט וואַסער צו טרינקען.

האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם דערמאנונג, און צוליב דעם איז ער געבליבן נאָך צוויי יאָר אין תפיסה.

**דער** רבינו בחיי שרייבט בזה הלשון: 'ואין לו לתלות תקוותו בהשתדלותו, רק בהקדוש ברוך הוא'.

דער מענטש טאָר נישט אָנהענגען זיין האָפענונג אויף די השתדלות וואָס ער טוט, נאָר אין דעם אויבערשטען. אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה (תהלים סב, ו) 'אך לאלוקים דומי נפשי כי ממנו תקוותי' - דאָס הייסט, נישט פון מיין אייגענע השתדלות[י].

---

ווען רבי מענדל האָט געענדיגט טרינקען, האָט ער געפרעגט זיין רבי'ן דעם בעל שם טוב, אָט זעה איך דאָך אַז דער ערל איז געקומען דאָ אַהער נאָר צוליב מיר, ווייל איך בין געווען דורשטיג, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז ער זאָל זיך דאַרפן אַרומדרייען דאָ דריי טעג און זוכן זיין פערדל?

האָט דער בעל שם טוב איהם געענטפערט: דער באַשעפער האָט צוגעגרייט פאַר דיר די ישועה באַצייטנס, אַז אויב דו וועסט זיך פאַרלאָזן אויף איהם, וועסטו באַלד געהאָלפן ווערן, ווייל בטחון האָט אַזאַ גרויסן כח, אַז דער אויבערשטער ערפילט דעם מענטשן'ס פאַרלאַנג נאָך איידער ער האָט דעם בטחון, כדי אַז באַלד ווען ער וועט זיך פאַרלאָזן אויף איהם, זאָל ער שוין זיין אַ געהאָלפענער.

זאָגט הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער, אַז דאָס זעלבע האָט פאַסירט ביי יוסף הצדיק. צוערשט האָט ער זיך פאַרלאָזט אויף דעם שר המשקים, און ער איז באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר. דער אויבערשטער האָט אָבער באַלד צוגעפירט פאַר איהם די ישועה, און צוליב דעם האָט פרעה גע'חלומ'ט במשך פון צוויי יאָר, נאַכט נאָך נאַכט, דעם זעלבן חלום, כדי אַז אויב יוסף וועט זיך שטאַרקן מיט ריכטיגע אמונה און בטחון, וועט זיין ישועה באַלד זיין גרייט אָנצוקומען, איהם צו באַפרייען פון תפיסה און באַשטימען איהם אַלס דער משנה למלך אין מצרים.

אַ איד וואָס האָט זייער געפלאָגט אויף פרנסה, האָט זיך אויסגערעדט פון האַרצן פאַר'ן סקולענער רבי'ן זי"ע: וואָס וועט זיין דער סוף. ביי יעדער השתדלות וואָס איך מאַך, ווייזט מיר דער אויבערשטער, אַז נישט דאָס האָט ער געמיינט... ממילא, האָב איך זיך באַרעכנט, איך האָב שוין גענוג פרובירט און געטוהן השתדלות. פון יעצט אָן, וועל איך נישט טוהן פאַר פרנסה, אַפילו אַ ריר מיט'ן קליינעם פינגער... אויב דער אויבערשטער וויל, קען ער מיך אַליין שפייזן...

האָט דער סקולענער רבי'ן איהם געזאָגט, מיט זיין זיסע שפּראַך:

- ריכטיג, דייקא יעצט איז געקומען די צייט פאַר דיר צו טוהן השתדלות פאַר פרנסה, וויבאַלד דו אנערקענסט שוין אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. דיין גאַנצע פרנסה ווענדט זיך נאָר אין איהם. ממילא איז פאַר דיר געבליבן נאָר איין עצה: צו טוהן השתדלות לויט ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן. אויב דו וועסט אַזוי טוהן, וועסטו זעהן אַ ברכה וואו דו וועסט זיך נאָר קערן און ווענדן.

מ'קען זאָגן נאָך טיפער: אַזוי לאַנג ווי דער מענטש איז נישט אָנגעקומען צו די אנערקענונג אַז זיין פרנסה איז פון הימל, נאָר עס האָט איהם אויסגעזעהן אַז עס ווענדט זיך אין זיינע אייגענע אַקטיוויטעטן און 'אויפטוהען', זענען זיינע באַמיאונגען נישט געווען אין גדר פון 'השתדלות', נאָר אַזוי ווי דאָס זוכן אַ פרנסה. ערשט יעצט, ווען ער איז געקומען צו די אנערקענונג אַז די עצם זאַך ווענדעט זיך אינגאַנצן נישט אין איהם, נאָר די השתדלות ווערט געמאַכט דורך איהם, איז ראוי פאַר איהם אַזוי צו טוהן, און עס וועט אַוודאי מקוים ווערן ביי איהם דער פסוק (דברים טו, יח) 'וברכך ה' אלוקיך בכל אשר תעשה'.

**ו.** דאָס זעלבע דאַרף מען זאָגן, אַז פונקט אַזוי ווי אַ מענטש טאָר זיך נישט פאַרזיכערן אויף זיין פעולה פון השתדלות אַז עס וועט איהם העלפן, אַזוי טאָר מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף איין מענטש ביי וועמען מ'האָט געבעטן הילף. 'שוא תשועת אדם', ווי דער פסוק זאָגט בפירוש (תהלים קמו, ג) 'אל תבטחו בנדיבים'... נאָר וואָס דען, אפי' אויב אַ מענטש דאַרף אָנקומען צו די הילף פון מענטשן (צום ביישפּיל, אויב מ'דאַרף גיין צו אַ דאָקטאָר אָדער ווען מ'ארבעט ביי אַ בעה"ב) זאָל ער דאָס טוהן נאָר צוליב דעם ווייל דער אויבערשטער האָט געהייסן טוהן אַזוי. עס איז מכח דעם חיוב פון השתדלות, און דעמאָלס וועט דער אויבערשטער איהם העלפן.

דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע זאָגט ('תורת משה', סו"פ וישב) אויפ'ן פסוק (בראשית מ, כג) 'ולא זכר שר המשקים את יוסף וישכחהו'. פרעגן די מפרשים, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ דאָפּלטן לשון, 'ולא זכר', און 'וישכחהו'? אויב ער האָט איהם נישט געדענקט, איז עס דאָך דערפאַר ווייל ער האָט איהם פאַרגעסן?

### למה הרעותם לי - די צרה איז בלויז אַן הכנה צו די גרויסע טובה

**אין** דער היינטיגער סדרה (מג, ו) לייענען מיר: יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט צו זיינע קינדער די שבטים, 'למה הרעותם לי, להגיד לאיש העוד לכם אח'. פאַרוואָס האָטס עטס מיך שלעכטס געטוהן, מיט'ן דערציילן פאַר'ן משנה למלך אין מרים אַז עטס האָטס נאָך אַ ברודער.

**זאָגט** דער מדרש (ב"ר פצ"א, י) דער אויבערשטער האָט דאן געזאָגט, איך באַשעפטיג זיך צו קרוינען זיין זון אַלס אַ קעניג אין מצרים, און ער זאָגט, 'למה הרעותם לי להגיד לאיש העוד לכם אח', אַז זיי האָבן איהם געטוהן אַ שלעכטע זאַך מיט דעם וואָס זיי האָבן אויסגעזאָגט פאַר דעם משנה למלך אין מצרים אַז זיי האָבן נאָך אַ ברודער אין הויז פון זייער פאָטער.

**שרייבט** דער רמח"ל ז"ל ('דעת תבונות', פ"ה, ד"ה 'ואמנם'), אַז דאָ לערנט מען מיט אַ 'בנין אב' אַז יעדע גרויסקייט וואָס דער אויבערשטער וויל געבן פאַר אַ מענטש אָדער פאַר דער וועלט, קומט עס נישט צו איהם, נאָר מיט אַ טיפע און באַהאַלטענע עצה פונעם באַשעפער, און צוליב דעם האָט דער מענטש קודם אַ צער ל"ע. אזוי זאָגט די גמרא (ברכות ה.): דריי גוטע מתנות האָט דער אויבערשטער געשאָנקען פאַר די אידן, און אַלע דריי קומען אָן מיט יסורים, תורה, ארץ ישראל, און עולם הבא, עכ"ל.

**דאָס** איז נוגע פאַר אונז, יעדער איינער מיט זיינע אייגענע פּראָבלעמען און ווייטאָגן, דאַרף וויסן אַז מיר קענען נישט פאַרשטיין דעם באַשעפער'ס חשבונות, אָבער ס'איז קלאָר אַז די הסתרה און די יסורים זענען אַ 'הקדמה' צו די טובה. זיי טוהען צוגרייטן דעם מענטש צו געניסן פון די טובה[ז].

**אַלעס** ווערט געטוהן אויפ'ן באַפעל פון דעם באַשעפער, מיט אַ סיבה און באַהאַלטענע עצה, כדי עס זאָל איהם צום סוף זיין גוט, און ווען מען ווייסט דאס מיט אַ קלאָרקייט, וועט מען עס אָננעמען מיט אַ פריילך האַרץ[ח].

**די** גמרא זאָגט (יומא יב.) אַז אין דעם חלק פון שבט יהודה, איז געווען דער הר הבית, די 'לשכות' (צימערן) און די עזרות. אין חלק פון שבט בנימין, האָט זיך געפונען דער אולם, דער היכל, און דער קדשי קדשים. זאָגט די גמרא, עס איז אַרויסגעאַנגען אַ

---

ענטפערט דער 'חתם סופר', אַז דאָס וואָרט 'וישכחהו' גייט אַרויף אויף יוסף, נישט אויפ'ן שר המשקים. דאָס הייסט, אַז נאָך דעם ווי דער שר המשקים האָט נישט געדענקט וועגן יוסף, האָט יוסף אויך פאַרגעסן פון איהם. און יוסף האָט זיך אינגאנצן מייאש געווען פון די ישועה. 'ואז אחר היאוש והשכחה, אז מקץ שנתים ימים ופרעה חולם' - נאָך דעם ווי ער האָט זיך מייאש געווען און ער האָט פאַרגעסן פון איהם, האָט פרעה גע'חלומ'ט ביים סוף פון די צוויי יאָר, 'כי שוא תשועת אדם, ולה' לבדו הישועה'!

**ז.** דער 'מי השילוח' זאָגט (פרשתינו, ד"ה 'ויקרא), אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מא, נב), יוסף האָט אָנגערופן זיין צווייטן זון, מיט'ן נאָמען 'אפרים', 'כי הפרני אלוקים בארץ עניי'. זאָגט דער 'מי השילוח', אַז יוסף האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס ער האָט זוכה געווען, 'כי הפרני אלוקים', איז נאָר געווען אין זכות פון זיינע פלאָגענישן: 'בארץ עניי', וויבאַלד ער האָט געליטן ביז יעצט. אויף דעם האָט ער געדאַנקט דעם אויבערשטען, אויך פאַר די ליידן און דעם צער, ווייל זיי האָבן איהם געברענגט די טובה.

**ח.** דאָס לערנען מיר אויך פון דעם מנהג צו שפּילן 'דריידל' אין חנוכה. ווען דער 'דריידל' דרייט זיך, זעהט מען נישט די אותיות וואָס זענען אויסגעקריצט אויפ'ן 'דריידל', און פונדעסטוועגן, 'האַלט ער זיך', און ער דרייט זיך ווייטער... דאָס לערנט אונז, אַז אויך אין אַ צייט ווען אַלעס זעהט אויס 'פאַרדעקט'. מ'זעהט נישט אָפען די השגחה פּרטית פון דעם אויבערשטען. עס דערקענען זיך נישט זיינע גרויסע חסדים און טובות, זאָל מען נישט ווערן צובראָכן און געפאַלן ביי זיך, נאָר מ'זאָל זיך האַלטן און פאָרזעצן צו טאַנצן... עס וועט נאָך קומען די צייט, ווען די לעכטיגקייט וועט אַנטפלעקט ווערן, און דער באַשעפער וועט מיט אונז מאַכן אַ צייכן צום גוטן...

אדרבה, דער 'דריידל' טוט זיין אויפגאַבע, דייקא נאָר דעמאָלס ווען ער 'דרייט זיך', און אַלעס איז נישט קלאָר... (ווייל ווען ער הערט אויף דרייען זיך, פאַלט ער און ער ליגט אַזוי ווי אַ 'דומם'...). דאָס זעלבע איז מיט'ן מענטש. ער טוט זיין אויפגאַבע, און ער 'שפּילט' ווי געהעריג, דעמאָלס ווען ער האַלט זיך אין צייט פון אַ נסיון. דאָס איז די הויפט מעלה פון אמונה, און נישט דעמאָלס ווען עס איז איהם גוט, און אַלעס פליסט 'על מי מנוחות'...

'רצועה', פון יהודה'ס חלק, און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם חלק פון בנימין. און אויף די 'רצועה', איז געווען געבויט דער מזבח, און בנימין הצדיק האָט זיך יעדן טאָג מצטער געווען און ער האָט עס געוואָלט 'איינשלינגען', ווי דער פסוק זאָגט (דברים לג, יב) 'חופף עליו כל היום'. צוליב דעם האָט בנימין הצדיק זוכה געווען, און ער איז געוואָרן אַן 'אושפיזכן' (אכסניא) פאַר די שכינה.

**זאָגט** הרב הגאון רבי יהודה ראַבינאָוויטש זצ"ל (ר"מ אין דער טשעבינער ישיבה אין ירושלים), אין זיין ספר 'כרם חמד', לויט ווי דער מדרש זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (ב"ר פצ"ב, ח) אַז ווען בנימין איז 'געכאַפּט' געוואָרן מיט דעם גע'גנב'עטן בעכער, האָבן די שבטים איהם אָנגעשריגן: 'גנבא בר גנבתא' - דו ביזט אַ גנב, דער זון פון אַ גנב (ווייל זיין מאַמע האָט דאָך צוגע'גנב'עט לבן'ס עבודה זרה'ס).

**דער** מדרש תנחומא (פרשה י') זאָגט נאָך מער: 'והיו עומדין ומחבטין לבנימין על כתפיו' - די שבטים זענען געשטאַנען און האָבן געקלאַפּט בנימין אויף זיינע אַקסל, און איהם געזאָגט, דו ביזט אַ גנב, דער זון פון אַ גנב'טע. דו האָסט אונז פאַרשעהמט! דו ביזט דער זון פון דיין מאַמע. אַזוי האָט דיין מאַמע רחל פאַרשעמט אונזער טאַטן. און אַדאַנק די קלעפּ וואָס די שבטים האָבן געשלאָגן בנימין'ען אויף זיינע אַקסל, האָט ער זוכה געווען אַז די שכינה זאָל רוהען צווישן זיינע אקסל. דאָס הייסט, אַז אין זכות פון די מכות האָט בנימין זוכה געווען אַז דער קדשי הקדשים זאָל זיך געפינען אין זיין חלק.

**לויט** דעם, קען מען פאַרשטיין פאַרוואָס בנימין האָט נישט זוכה געווען אַז אויך דער מזבח זאָל זיין אין זיין חלק, ווייל דער מזבח האָט זיך דאָך געפונען אויף די 'רצועה' וואָס איז אַרויסגעקומען פונעם חלק פון שבט יהודה, און יהודה האָט נישט געשלאָגן בנימין'ען, אַזוי ווי זיינע אַנדערע ברידער האָבן געטוהן, ווייל יהודה האָט דאָך געהאַפט פאַר בנימין אַז ער וועט איהם צוריקברענגען צום טאַטן גאַנצערהייט, ממילא, האָט ער איהם נישט געקענט שלאָגן, ווייל דאַן וואָלט ער דאָך מעגליך נישט צוריקגעקומען צום טאַטן גאַנצערהייט, אויב ער וואָלט פאַרוואונדעט און צעביילט געוואָרן, און דאַן וואָלט יהודה נישט מקיים געווען זיין פאַרזיכערונג. און וויבאַלד בנימין האָט נישט באַקומען קלעפּ פון יהודה, איז די 'רצועה' אַרויסגעגאַנגען פון דעם חלק פון יהודה, און אַריינגעקומען אינעם חלק פון בנימין. אויף דעם האָט בנימין הצדיק געהאַט צער - פאַרוואָס האָב איך נישט זוכה געווען צו באַקומען קלעפּ אויך פון יהודה, וואָס דאַן וואָלט ער זוכה געווען אַז אויך דאָס אָרט פון דעם מזבח זאָל זיין אין מיין חלק...

**דאָס** איז מרומז אין דעם וואָס די 'רצועה' איז אַרויסגעקומען פון יהודה'ס חלק, ווייל די גמרא זאָגט (מכות כב:) אַז דער שליח בית דין שלאָגט די וואָס זענען מחויב מלקות האַלטנדיג אַ 'רצועה' אין האַנט... און אויף די דאָזיגע 'רצועה' האָט בנימין זיך מצטער געווען, אַז ער האָט נישט באַקומען קלעפּ פון די 'רצועה' פון יהודה, ווייל אויב ער וואָלט באַקומען קלעפּ פון יהודה'ן, וואָלט בנימין דאָך זוכה געווען אַז דער מזבח זאָל יאָ געבויט ווערן אין זיין חלק.

**זעהען** מיר דאָ אַ מורא'דיגע זאַך, אַז דער מענטש האָט נישט קיין השגה וויפיל גוטס ער קען אַלץ באַקומען דורך יסורים. דורך דעם וואָס ער געדענקט דאָס, איז איהם פיל לייכטער אָנצונעמען די יסורים מיט ליבשאַפט.

**מוסיף והולך - פאַרגעסן פונעם עבר, און קוקן נאָר אויפ'ן עתיד**

**וליוסף** יולד שני בנים וגו' ויקרא יוסף את שם הבכור מנשה, כי נשני אלוקים את כל עמלי ואת כל בית אבי, ואת שם השני קרא אפרים, כי הפרני אלוקים בארץ עניי (מא, נ-נב).

**זאָגט** דער 'שם משמואל' (מקץ תרע"ו), מיר געפינען צוויי טעמים, פאַרוואָס ער איז געוואָרן אָנגערופן 'יוסף': א) רחל האָט געזאָגט, 'אסף אלוקים את חרפתי' (בראשית ל, כג). ב) ווייל זי האָט געזאָגט, 'יוסף ה' לי בן אחר' (שם, פסוק כד).

**איז** דער רמז אין דעם, פון איין זייט, אַז דער גאַנצער ענין פון 'יוסף' איז, אייביג מוסיף צו זיין אין עבודת השם, מיט אַ חיות און התחדשות, ווען אַ איד געדענקט דעם הויכן מקור פון זיין אָפּשטאַם, ער איז אַ קינד פון דעם אויבערשטען. ער געדענקט דעם תפקיד פאַר וועלכן מ'שיקט אַראָפּ יעדן איד אויף דער וועלט. גלייכצייטיג

דערמיט, האָט ער אין זיך אויך די מדה פון שכחה דקדושה, דאָס הייסט, צו פאַרגעסן דעם עבר, וואָס אויב מ'געדענקט עס ווערט מען אָפּגעשוואַכט[ט].

**דאָס** איז די סיבה פאַרוואָס ער איז גערופן געוואָרן 'יוסף', אונז צו לערנען ביידע מעלות. פון איין זייט, 'אסף אלוקים את חרפתי', ווי רש"י טייטשט עס, 'הכניסה

---

**ט.** הרה"ק בעל הסולם זצ"ל האָט געזאָגט, אַ מענטש האָט געטוהן אַ גרויסע טובה פאַר דעם קעניג פונעם לאַנד, און ער האָט איהם דערמיט גורם געווען גאָר אַ שטאַרקע הנאה. אַלס אַ צייכן פון הכרת הטוב, האָט דער קעניג איהם געגעבן אַ שליסל צו זיינע אוצרות, און ער האָט איהם געזאָגט, אַז אין משך פון די קומענדיגע צוויי שעה, קען ער נעמען פון דאָרט וואָס ער וויל: גאָלד און זילבער, און אויך טייער דיאַמאַנטן שטיינער. האָט דער מענטש געברענגט אַסאַך זעק, אָנצופילן אין זיי אוצרות פון די מלוכה וואָס ער וועט באַווייזן אַרויסצונעמען אין די קומענדיגע צוויי שעה. ווען ער האָט געענדיגט אָנפילן די זעק, האָט ער זיך קוים אַרויסגעשלעפּט פון דעם קעניגליכן פּאַלאַץ מיט דעם אָנגעזאַמלטן אוצר. ווען ער איז אָנגעקומען צום טויער פון פּאַלאַץ, האָבן די קעניגליכע וועכטער איהם גוט אָנגעשריגן: 'מחוצף איינער, ווי אַזוי וואַגט מען צו טוהן אַזאַ זאַך? וואָס האָסטו אַרויסגענומען פון קעניגליכן אוצר? זיי האָבן איבערגעדרייט די זעק וואָס ער האָט געטראָגן, און אויסגעגאָסן דאָס אָנגעזאַמלטע גאָלד און זילבער וואָס ער האָט זיך געפּלאָגט עס איינצוזאַמלען, איינס נאָכ'ן אַנדערן.

ווייסנדיג קלאָר אַז דעם שליסל האָט ער באַקומען פונעם קעניג אַליין, איז ער נאָך אַמאָל אַריינגעגאַנגען אָנצופילן דעם אוצר. ווען ער האָט געענדיגט, האָט ער זיך זייער געהיטן ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען די טויערן פונעם פּאַלאַץ, אָבער די קעניגליכע וועכטער, וועלכע זענען געווען שטאַרקער פון איהם, האָבן ווידעראַמאָל אויסגעגאָסן אַלעס וואָס ער האָט צוזאַמענגענומען מיט גרויס מי און האָרעוואַניע. ער האָט אַ קוק געגעבן אויפ'ן זייגער, און זעהענדיג אַז די צוויי שעה האָבן זיך נאָך נישט געענדיגט, איז ער נאָך אַמאָל אַריינגעגאַנגען. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגע'חזר'ט אַ פערטן מאָל און אַ פינפטן מאָל. ווען ער האָט געענדיגט אָנפילן די זעקס צום זעקסטן מאָל, האָט די צייט פון צוויי שעה זיך אויסגעלאָזט, און ער האָט זיך ווידער געוואָנדן אַרויסצוגיין פון דעם פּאַלאַץ, כדי אַהיימצוטראָגן דעם לעצטן אָנגעזאַמלטן אוצר. און צו זיין ערשטוינונג זעהט ער, אַז די וועכטער האָבן דאָרט געהאַט גרייט פאַר איהם אין גרויסע פאַרמאַכטע קאַסטנס, אַלעס וואָס ער האָט איינגעזאַמלט אַלע פינף מאָל.

דערנאָך איז ער צוריקגעקומען צום קעניג, איהם צו באַדאַנקען פאַר אַלע טובות. נישט קענענדיג זיך איינהאַלטן, האָט ער געפרעגט: אדוני המלך, מעיקרא מאי קסבר, ולבסוף מאי קסבר... פאַרוואָס האָט דער קעניג באַפוילן פאַר די וועכטער אַוועקצונעמען פון מיר די זעק, און צום סוף האָבן זיי עס מיר צוריקגעגעבן?

האָט דער קעניג געענטפערט: מיין טייערער פריינט, פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? אַלס אויסדרוק פון מיין הכרת הטוב געפיל פאַר דיר, האָב איך דיך געוואָלט אַהיימשיקן מיט פולע אוצרות אין דער האַנט. איך האָב אָבער זייער גוט געוואוסט, אַז אין דער מינוט ווען דו וועסט אָנפילן דיינע זעק, און דו וועסט שפּירן אַז דו ביזט שוין דער 'עושר פון שטעטל', וועסטו זיך אָפּשטעלן און נישט נעמען נאָך, כאָטש עס האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלאָזט דיינע צוויי שעה צו קלייבן. וואָס האָב איך געטוהן? איך האָב באַפוילן מיינע וועכטער אויסצוליידיגן אַלע זעק, כדי דו זאָלסט שפּירן אַז דיין הויז איז נאָך ליידיג, און דו וועסט שנעל צוריקגיין אָנפילן די זעק צום צווייטן און צום דריטן מאָל. דעריבער, כל זמן ס'איז נאָך געווען צייט, האָבן מיינע באַדינער אויסגעגאָסן אַלעס וואָס דו האָסט אַרויסגעפירט, און ווען דיין צייט איז געקומען, האָבן מיך דיך אַהיים געשיקט מיט אַ גאַנצן אוצר...

דער לימוד פון דעם איז, אויב נאָך דעם ווי די וועכטער האָבן צום ערשטן מאָל אַוועקגענומען פון איהם אַלעס וואָס ער האָט צוזאַמענגעקליבן, וואָלט ער אַהיים געגאַנגען אַן אויפגערעגטער... באַוויינענדיג זיין שלעכטן מזל און באַקלאָגנדיג דעם רויב וואָס מ'האָט פון איהם צוגענומען, וואָלט ער דאָך געבליבן מיט ליידיגע הענט. ס'איז אַפילו מעגליך אַז מ'וואָלט אַהיים געשיקט צו איהם אַלעס וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט דאָס ערשטע מאָל. וויבאַלד ער האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז יעצט איז נישט אַ פּאַסיגע צייט צו וויינען און קלאָגן, נאָר ער איז צוריקגעלאָפן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אָנצופילן די זעק, און ער איז נישט מיד געוואָרן אויך נאָכ'ן צווייטן, נאָכ'ן דריטן, און נאָכ'ן פערטן מאָל, האָט ער צוליב דעם זוכה געווען צו די גרויסע שפע, און ער האָט דאַן פאַרשטאַנען אַז דאָ איז נישט געווען קיין 'גניבה', נאָר אַלעס איז נאָר געווען אַ דמיון. דער אמת איז אָבער, אַז אַלעס איז געווען פאַר זיין טובה.

במקום שלא תראה'. ער האָט איר אַריינגענומען אויף אַן אָרט וואו זי זאל נישט געזעהן ווערן. דאָס איז אַ רמז, אַז מ'דאַרף 'פאַרהוילן' די מכשולות וואָס מ'האָט אַמאָל געהאַט ברוחניות, כדי מען זאָל נישט האָבן צער דערפון'.

---

דער נמשל איז, לגבי די מלחמה מיט'ן יצר. ווען דער מענטש פאַלט אַדורך חלילה, פרובירט דער יצר הרע איהם אַריינצופירן אין יאוש. דער אמת איז אָבער, אַז די גאַנצע מטרה פון די נפילה איז נאָר אַז דער מענטש זאָל נישט שפירן אַז ער האָט שוין גענוג מקיים געווען תורה ומצוות. איינער וואָס פאַרשטייט נישט די תכסיסי היצר, ווערט מיואש און באַוויינט זיין מצב. ער דאַרף אָבער פאַרשטיין אַז דאָס אַלעס איז נאָר אַ נסיון, כדי ער זאָל שפירן אַז עס פעהלט איהם, און ער זאָל ווייטער אָנפילן אוצרות מיט תורה און עבודה. צום סוף וועט ער איינזעהן אַז אַלעס איז געווען דמיונות, דאָ איז נישט געווען נישט אַ נפילה, און נישט אַ הפסד ח"ו. דער גאַנצער קנין וואָס עס האָט זיך איהם געדאַכט אַז ער האָט עס פאַרלוירן, באַלאַנגט נאָך אַלץ צו איהם. עס איז זיינס אויף יענער וועלט.

דער ירושלמי דערציילט (פאה פ"ח, ה"ח) אַז רבי יוחנן און ריש לקיש זענען געגאַנגען זיך באָדן אין די הייסע בעדער פון דער שטאָט טבריא. אויפ'ן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַן אָרימאַן וועלכער האָט געבעטן פון זיי אַ נדבה. האָבן זיי איהם געזאָגט, אַז ווען זיי וועלן צוריקקומען פון באָד, וועלן זיי איהם געבן אַ נדבה. ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי איהם געפונען טויט (ער איז דערווייל אויסגעגאַנגען פון הונגער רח"ל). האָבן זיי געזאָגט, 'אויב מיר האָבן נישט זוכה געווען זיך אָפּצוגעבן מיט איהם ביי זיין לעבן, וועלן מיר זיך אָפּגעבן מיט איהם ביי זיין שטאַרבן'. ווען זיי האָבן זיך מטפל געווען מיט זיין קערפּער, האָבן זיי געפונען ביי איהם אַ בייטל פול מיט געלט (דינרין).

האָט דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'לב שמחה' זי"ע, מדייק געווען אין די ווערטער פונעם ירושלמי, וואָס וואָלט געטוהן סתם אַ מענטש ווען ער זעהט אַז ער האָט גורם געווען פאַר אַן אָרימאַן צו שטאַרבן פון הונגער? ער וואָלט מסתמא געוואָרן פול מיט צער און ווייטאָג, ער וואָלט געקלאָגט און געוויינט אויף די האַרבע עבירה פון רציחה וואָס ער האָט עובר געווען, און ער וואָלט געווען פול מיט יאוש... אַנדערש איז אָבער געווען דער וועג פון די אמוראים. זיי קוקן נאָר אויפ'ן עתיד - וואָס זיי קענען טוהן פון יעצט און ווייטער. אויב זיי וואָלטן זיך נישט געשטאַרקט אָפּצוגעבן זיך מיט'ן דעם נפטר נאָך זיין שטאַרבן וואָלטן זיי דאָך שטענדיג פאַרבליבן מיט זייער צער און טרויער - כאילו זיי האָבן גורם געווען זיין טויט רח"ל. באמת, אָבער, אין זכות פון זייער אויפפירונג זיך אָפּצוגעבן מיט איהם נאָך זיין טויט האָבן זיי זוכה געווען אויסצוגעפינען אַז זיי זענען בכלל נישט געווען שולדיג אין דעם וואָס ער איז געשטאָרבן, ווייל עס האָט דאָך געהאָנגען אויף איהם אַ בייטל פול מיט דינרין, און ער אַליין איז שולדיג אַז מיט זיין גרויס קאַרגשאַפט האָט ער זיך נישט פאַרגינען צו קויפן עפּעס צו עסן, נאָר ער האָט אויסגעוועהלט צו שטאַרבן מיט אַ פולן בייטל געלט אין האַנט...

אָט דאָס איז די עבודה פון אַ מענטש, צו קוקן נאָר אויפ'ן עתיד, און נישט פאַרמערן צו טראַכטן און זיך מצטער זיין אויפ'ן עבר. דאַן וועט ער אויסגעפינען אַז אַלעס איז לטובה.

דער 'לב שמחה' שרייבט טאַקע ('לב שמחה' סו"פ וישב), אַז כאָטש יוסף הצדיק האָט געדאַרפט זיין נאָך צוויי יאָר אין תפיסה ווייל ער האָט געבעטן דעם שר המשקים ער זאָל איהם דערמאַנען צום גוטן פאַר פרעה, וואָס לויט זיין הויכע מדריגה איז געווען אין דעם אַ שטיקל פגם, פונדעסטוועגן, אויב ער וואָלט באַלד אַרויסגעגאַנגען פריי פון טורמע וואָלט ער געבליבן פריי און נישט מער. אָבער יעצט, אַז ער איז געבליבן נאָך צוויי יאָר אין תפיסה האָט ער דערנאָך זוכה געווען צו ווערן גרויס און צו געוועלטיגן אויפ'ן גאַנצן לאַנד מצרים. קומט אויס, אַז אויך די 'נפילה' (לויט די מדריגה פון יוסף הצדיק, וואָס מיר האָבן דאָך נישט די מינדעסטע השגה אין זיין הייליגקייט) איז געווען בלויז כדי איהם אויפצוהייבן אין די מדריגה. די 'ירידה' איז געווען 'לצורך עלייה'...

אַוודאי איז זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז מיר רעדן דאָ נאָר 'בדיעבד' - נאָך דעם ווי דער מענטש איז שוין געפאַלן און נכשל געוואָרן רח"ל, אַז ער דאַרף זיך דערנאָך שטאַרקן און נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו. אָבער אַוודאי טאָר מיר נישט זאָגן, לאָמיר גיין זינדיגן ח"ו כדי דערנאָך זיך צו שטאַרקן און תשובה טוהן...

**י.** ענליכע ווערטער, שרייבט דער גאון רבי משה שטערנבוך שליט"א, ראב"ד העדה החרדית בירושלים, אין ספר 'טעם ודעת', אויף דעם וואָס מיר געפינען ביים געבורט פון בנימין (בראשית לה, יח) 'ויהי בצאת נפשה כי מתה ותקרא שמו בן אוני ואביו קרא לו בנימין'. פאַרוואָס האָט יעקב אבינו ע"ה גערופן זיין בן זקונים מיט'ן נאָמען 'בנימין', און ער האָט נישט מקיים געווען די לעצטע 'צוואה' פון רחל, אַז ער זאָל אָנגערופן ווערן 'בן אוני'?

פון דער אַנדערער זייט, איז עס פון לשון 'מוסיף והולך', וואָס ווייזט אויף אַ שטענדיגע הוספה און באַנייאונג. וויבאַלד ער האָט געהאַט די צוויי מעלות, צו פאַרגעסן וואָס מ'דאַרף פאַרגעסן, און געדענקען דעם עתיד און דאָס וואָס מ'דאַרף געדענקען, ווענן דעם ווערט ער אָנגערופן מיט'ן נאָמען 'יוסף'.

**לויט** דעם, קען מען אויך זאָגן אַ כוונה אין די נעמען מנשה און אפרים. 'מנשה' ווייזט אויף די מדה פון שכחה, פאַרגעסן - 'כי נשני אלוקים'. דאָס לערנט אונז אַז מ'דאַרף נוצן די מדה פון שכחה דאָרט וואו עס פעלט אויס, און 'אפרים' איז מרמז אַז מ'זאָל קוקן אויף דעם עתיד, און מוסיף זיין חיות אין דברים שבקדושה, און אַזוי ווערט מקוים ביי דעם מענטש 'כי הפרני' - עס גיט אַרויס גוטע פירות[יא].

**חנוכה** איז טאַקע אַ פּאַסיגע צייט, זיך צו באַנייען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ[יב], נישט מורא צו האָבן און זיך שרעקן פונעם יצר, וואָס זיין גאַנצע ציל איז אַריינצוברענגען יאוש און שפלות הרוח אין דעם מענטש, ווי עס שרייבט דער 'שפת אמת' (חנוכה, שנת תרס"א, ד"ה 'איתא במדרש תצוה') אויף די ווערטער פון מדרש (פ' תצוה) אַז די אידן זענען צוגעגליכנט צו אויל, ווי דער נביא זאָגט (ירמיה יא, טז) 'זית רענן יפה פרי תואר, קרא ה' שמך'. פונקט אַזוי ווי אויל טוט זיך נישט אויסמישן מיט אַנדערע משקאות, נאָר עס שווימט העכער און העכער, אַזוי טוהען די אידן זיך נישט אויסמישן צווישן די גוים, נאָר זיי געפינען זיך העכער פון זיי, ווי דער פסוק זאָגט (דברים כח, א) 'ונתנך ה' אלוקיך עליון על כל גויי הארץ'.

**זאָגט** דער 'שפת אמת', אַז דאָס ווערט נאָך מער מקוים אין די טעג פון חנוכה, ווען מ'צינדט אויל, ווייל דעמאָלס איז דאָ אַ כח פון הימל צו זיין אין דער בחינה פון 'עליון על כל גויי הארץ'. ער דרש'ענט דאָס וואָרט 'עליון', אַז עס האָט די זעלבע אותיות ווי 'על יון', ווייל יעצט איז אַ שעת הכושר זיך אויפצוהייבן און זיך שפירן שטאַרקער און העכער ווי די גאַנצע קליפה פון יון.

**אַט** דער העכערער כח ווערט נמשך פון די הארה פון די חשמונאים, די הייליגע כהנים וואָס האָבן משפיע געווען לשעתם און לדורות, בימים ההם בזמן הזה. דאָס איז געווען בלויז אַ קליינע צאָל קעגן די צענדליגער

---

ענטפערט דער 'טעם ודעת', ווייל דער נאָמען 'בן אוני' איז דאָך אַ לשון פון צער און טרויער, און דאָס איז נישט דער וועג פון אַ איד, צו טרויערן שטענדיג... מ'דאַרף זיך שטאַרקן און זיך אָפּשאָקלען פונעם טרויער. ווענן דעם האָט יעקב איהם גערופן 'בנימין', וואָס ווייזט אויף שטאַרקייט, אַזוי ווי די רעכטע האַנט פון מענטש, וואָס איז שטאַרקער ווי זיין לינקע האַנט.

מור'דיגע ווערטער טייטשט דער 'ספורנו', אויף דעם פסוק ביי יעקב, נאָך דעם ווי יוסף איז פאַרקויפט געוואָרן (בראשית לז, לה) 'וימאן להתנחם וגו' ויבך אותו אביו'. 'אביו' מיינט מען דאָ יצחק אבינו ע"ה, וואָס ער איז געווען יעקב'ס פאָטער. יצחק האָט געוויינט ווייל יעקב האָט גענומען אויף זיך צו טרויערן אַלע זיינע טעג, און ממילא וועט נישט רוהען אויף איהם די שכינה (ווייל די שכינה רוהט נאָר אויף דעם מענטש וואָס איז פריילך)...

**יא.** מיר געפינען אין דער היינטיגער סדרה (מא, נג-נד), 'ותכלינה שבע שני השבע... ותחילנה שבע שני הרעב'. דער חילוק צווישן די צוויי ווערטער, איז, ביידע האָבן די זעלבע אותיות, נאָר דער אות חי"ת און דער אות כ"ף ווערן געטוישט אין די פסוקים. דער אות חי"ת שטייט אויף ביידע פיס, אָבער דער אות כ"ף ליגט... דאָס איז אַ רמז, אַז ווען דער מענטש טוט זיך 'אַראָפּלייגן' און ער ערלויבט אַז דער יאוש זאָל איהם באַהערשן, ער טוט גאָרנישט פאַרצוזעצן ווייטער זיין וועג, דאָס אַליין איז דער 'סוף' און 'כילוי' פון זיין וועג, און אויף דעם זאָגט ער, 'ותכלינה'. אָבער דער מענטש וואָס ער שטעלט זיך אויף ביידע פיס, ער ווערט נישט נתפעל נאָר ער זעצט פאָר אויפ'ן וועג - שטייענדיג אויף 'ביידע פיס', אַזוי ווי דער אות חי"ת - זאָגט אויף דעם דער פסוק 'ותחילנה': דאָס איז אַ גוטע התחלה, אַזוי ווי אַ ניי-געבוירענער מענטש וואָס האָט פאַר זיך געעפענט אַ נייע טיר אויפצוהייבן זיך ווי ס'דאַרף צו זיין.

**יב.** לויט דעם זאָגט דער 'שם משמואל' אַ טעם פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט דער נס ביי די 'לעכט', ווייל די טבע פון אַ לעכט איז אייביג צוצוגעבן נייע לעכטיגקייט (ברכות נג.), און עס קומט אונז לערנען ווענן דעם ענין פון התחדשות, אַז דער מענטש דאַרף שטענדיג זיין 'מוסיף והולך'...

טווינטער גריכישע סאלדאטן, פונדעסטוועגן, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען מלחמה האַלטן קעגן די יוונים, וואָס אויבנאויף קען מען זיך וואונדערן, צי קען דאָס דען אָנגערופן ווערן אַ 'מלחמה'? איינער וואָס גייט אין אַזאַ מלחמה, איז דאָך אַזוי ווי אַ 'מאבד עצמו לדעת' רח"ל, ווייל במציאות איז נישט געווען קיין ספק אַז זיי זאָלן קענען זיגן אין אַזאַ מלחמה.

**נאָר** וואָס דען? דאָס איז טאַקע אַ 'מלחמת מצוה'. מ'גייט אַרויס אין אַ מערכה און ישוב הדעת צו טראַכטן אַז איך וועל ממילא נישט קענען זיגן, אָבער צום סוף, האָבן זיי אָפּגעהאַלטן אַ מעכטיגן זיג.

**אין** דעם ענין, זאָגט דער 'שם משמואל' (חנוכה תרע"ט, ליל ד') אַז די חשמונאים האָבן זיך געלערנט פון די יוונים זעלבסט, זיך צו באַנוצן מיט דעם שטאַרקן כח. די יוונים זענען אַזוי ווי אַ טיגער, וואָס איז דער גרעסטער 'עז פנים' צווישן די חיות, ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ז, ו) 'וארו אחרי כנמר'. זאָגט רש"י, 'החיה הזאת השלישית היא מלכות אנטיוכוס'. די דריטע חיה -דער טיגער - איז מלכות אנטיוכוס, די יוונ'ישע מלוכה. די עזות'דיגע נאַטור פון דעם טיגער באַשטייט אין דעם, וואָס באמת איז ער נישט אַזוי שטאַרק, נאָר מיט זיין עזות טוט ער זאַכן וואָס זענען העכער פון זיינע כוחות. ער האָט נישט מורא אַרויסצוגיין אין אַ מלחמה קעגן אַנדערע וואָס זענען שטאַרקער פון איהם. (אויף דעם זאָגט דער תנא אין אבות פ"ה מ"כ, 'הוי עז כנמר'. די מדה פון עזות, דאַרף מען זיך לערנען פון דעם טיגער, וואָס איז דער 'עז שבחיות').

**מיט** די דאָזיגע עזות און חוצפה, האָבן די יוונים געצוואונגען די אידן אויפצושרייבן אויפ'ן האָרן פון דעם אָקס, אַז זיי האָבן חלילה נישט אַ חלק באלוקי ישראל, און פון זיי אַליין האָבן די חשמונאים זיך אַרויסגעלערנט זיך צו פירן מיט די מדה פון עזות דקדושה. און כאָטש די חשמונאים זענען געווען קליין אין צאָל, האָבן זיי אויסגערופן 'מי לה' אלי'.

**דאָס** איז אַ לימוד פאַר אונז, יעדער איד דאַרף שטענדיג געדענקען, אַז כאָטש דער יצר הרע פּרובירט איהם איינרעדן אַז ער פאַרמאָגט נישט די כוחות פון קדושה, ער האָט חלילה נישט קיין ווערד ברוחניות, דאַרף ער זיך שטאַרקן מיט די מדה פון עזות, און געדענקען אַז דער יצר הרע זאָגט ליגן, ווייל באמת האָט יעדער איד אַ חלק אלוקי ממעל, און ער איז זייער באַליבט אין הימל. יעדער איד איז אַזוי ווי אַ בן יחיד פון דעם אויבערשטען. ממילא, אויב ער וועט אַריינלייגן כוחות צו דינען דעם אויבערשטען, וועט ער אַוודאי מצליח זיין[יג].

**כי בא אורך קומי אורי - שבת חנוכה, ראש חודש טבת**

**הרה"ק** רבי העניך זי"ע פון אלכסנדר האָט געזאָגט ('חשבה לטובה', חנוכה), אַז 'די גוטע אידן זאָגן, אַז דער שבת חנוכה איז אַ גרויסער שבת[יד], ווען מ'קען

**יג.** דער 'שם משמואל' זאָגט אויף אַן אַנדער אָרט (חנוכה תרע"ד, ב' דראש חודש טבת) אַז מיר שטייען אין חודש טבת, וואָס זיין מזל איז 'גדי'. די טבע פון אַ ציגעלע איז צו שפּרינגען פון איין אָרט צום אַנדערן, ווי די משנה זאָגט (ב"ק כא:), 'הכלב והגדי שקפצו מראש הגג'. און אַזוי איז געווען די מלחמה פון די חשמונאים קעגן די יוונים, אויף אַן אופן פון 'שפּרינגען' העכער פון די טבע, און פון זייער מדריגה.

זאָגט דער 'שם משמואל', דער יעצטיגער זמן איז מסוגל זיך אָנצוכאַפּן אין די הויכע מעלות און מדריגות, אפי' אויב מ'איז אַראָפּגעפאַלן דערפון, איז עס מסוגל פאַר אַזאַ 'שפּרינגען'. און דעריבער, האָבן די חשמונאים מצליח געווען אין די צייטן פון די יוונים מיט'ן שפּרינג, און האָבן זוכה געווען צו ניסים 'למעלה למעלה'. 'וכן נשאר לדורות' - און אַזוי איז עס איבערגעבליבן אויף פאַר די שפּעטערדיגע דורות. 'שמי שיקבל עליו עבודת ה' בכל לבבו ובכל נפשו ובכל מאודו' - אַז דער מענטש וואָס נעמט אויף זיך צו דינען דעם אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ, און מיט'ן גאַנצן נפש און מיט'ן גאַנצן פאַרמעגן. אפילו אויב ער איז נישט ראוי דערצו, און ער האָלט נאָך נישט ביי די מדריגה. 'יצליח בכל קפיצתו זו' - וועט ער מצליח זיין אין זיין יעצטיגן 'שפּרינג'.

**יד.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, האָט געזאָגט, אַז שבת חנוכה איז מרומז אין דעם זמר 'לכה דודי', וואו מיר זאָגן 'התעוררי התעוררי כי בא אורך קומי אורי'. 'אורך' איז אותיות או"ר כ', וואָס איז מרמז אויף די שבת לעכט, וואָס די מצוה איז צו צינדן אויך העכער פון צוואָנציג איילן. 'אורי' איז אותיות אור י',

משיג זיין נאָך מער די קלאָרע אמונה אין דעם אויבערשטען'.

**ער** זאָגט אַ טעם דערפאַר, ווייל יעדן שבת איז דאָ אַ בחינה פון התגלות אלוקית, ווי דער פסוק זאָגט (שמות לא, יג) 'אך את שבתותי תשמורו וגו' לדעת כי אני ה' מקדישכם', זעהט מען דאָך אַז אין שבת איז יעדער איד בכח זוכה צו זיין צו 'דעת', און משיג צו זיין די אמונה אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט.

**דאָס** זעלבע האָט פאַסירט חנוכה[טו], ווי מיר זעהען אַז די אנשי כנסת הגדולה האָבן מתקן געווען צוצולייגן ביי די תפילות פון חנוכה, 'מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, גאַנץ רעכט 'גיבורים ביד חלשים', און 'רבים ביד מעטים', איז פאַרשטענדליך אַז עס איז דאָ אין דעם אַ באַזונדערע שבח פאַר דעם גרויסן נס וואָס דער אויבערשטער האָט מיט אונז געטוהן, ווייל געוועגליך בדרך הטבע, זיגן די מערערע און די שטאַרקערע אין אַ מלחמה, און דאָ האָבן די שוואַכע און ווייניגע געזיגט קעגן די מעכטיגערע און גרעסערע אַרמייען, אָבער וואָס איז דער נס אַז די 'טמאים' זענען באַזיגט געוואָרן דורך די 'טהורים', און די רשעים זענען באַזיגט געוואָרן דורך די צדיקים. פאַרוואָס זאָלן זיי זיין נענטער צו זיגן בדרך הטבע, אויב זיי זענען טמאים און

---

אַ רמז אויף די חנוכה לעכט וואָס די מצוה איז צו צינדן חנוכה לעכט אונטער צען טפחים. ווען ביידע אורות ווערן צוזאַמענגעשטעלט, איז עס גאָר אַ געהויבענער אור, און דעריבער, 'התעוררי, התעוררי'...

**טו.** אגב, איז כדאי צו דערציילן דאָס וואָס מיר האָבן געהערט פון אַ איד וואָס וואוינט אין חוץ לארץ, בדידיה הוה עובדא, צוויי יאָר צוריק האָבן די דאָקטוירים אַנטדעקט ביי צוויי פון זיינע קינדער אַ זעלטענע מחלה ל"ע. נאָכ'ן זיך באַראַטן מיט עסקנים און מעדיצינישע ראַטגעבער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז צוליב די זעלטנהייט פון די קראַנקהייט איז נישט באַקאַנט ווי אַזוי מ'קען עס באַהאַנדלען און היילן.

ערב חנוכה, האָט דער איד געהערט אַז די צייט איז מסוגל פאַר קבלת התפילות אין ענינים פון רפואה, ספּעציעל די ערשטע נאַכט חנוכה. האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען מיט גרויס אמונה, און ער האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר דעם אויבערשטען ער זאָל זיך דערבאַרימען אויף איהם, און תיכף נאָך חנוכה האָט די משפחה געפונען אַ דאָקטאָר וואָס האָט אָנגעבאָטן עפּעס אַ באַהאַנדלונג, און ברוך השם, היינט איז כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן די מחלה, און עס איז כמעט נישט פאַראַן קיין זכר דערפון ביי זיי. און ס'איז באמת נישט קיין וואונדער, ווייל חנוכה איז, ווי געזאָגט, אַ זמן וואָס איז העכער פון די טבע...

עס האָט אונז דערציילט אַ חשוב'ער יונגערמאַן פון בית שמש, אַז ערב חנוכה איז ער נתעורר געוואָרן מקיים צו זיין די ווערטער פון חז"ל 'הרגיל בהר', אויף אַ גאָר געהויבענעם אופן, ווי דער 'מאירי' שרייבט (שבת כג:) אז דער וואָס איז 'רגיל בנר דרך חיבוב מצוה והערה (פון לשון התעוררות) מפורסמת', איז ער זוכה צו קינדער תלמידי חכמים. אַלזאָ, דער איד האָט גענומען אויף זיך מקיים צו זיין 'מצוות רקידה' יעדע נאַכט חנוכה, נאָכ'ן צינדן חנוכה-לעכט, און ער האָט געטאַנצט מיט אַלע קינדער לכבוד חנוכה.

אויף שבת חנוכה, איז דער יונגערמאַן געפאָרן צו זיין רבי'ן וועלכער וואוינט אין אַן אַנדערע שטאָט, און ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים מוצאי שבת אין אַ שפּעטערע שעה, האָט ער צו זיין אַנטוישונג געזעהן אַז די קינדער שלאָפן שוין... האָט ער נאָך די חנוכה לעכט זיך געוואָנדן צו די בעטן פון יעדן איינצלנעם קינד, און 'געטאַנצט' מיט זיי אין זייערע בעטן... כאָטש דער גוף פונעם קינד איז געשלאָפן, האָט אָבער די נשמה געשפּירט די הייליגע רקידה לכבוד חנוכה. צו זיין שרעק, האָט ער צוקומענדיג צו איין קינד'ס בעט, באַמערקט אַז דאָס קינד געפינט זיך אין אַ לעבנס-געפאַר רח"ל און זיין קערפּער וואַרפט זיך אין בעט אויף אַ שרעקליכן אופן ה' ירחם. מ'האָט שנעל גערופן 'הצלה', וועלכע האָבן איהם באַלד אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, און דאָרט האָט מען ב"ה אָפּגעראַטעוועט זיין לעבן. (די דאָקטוירים האָבן שפּעטער געזאָגט, אַז אויב ער וואָלט פאַרבליבן אין דעם מצב נאָך צען מינוט, וואָלט שוין חלילה נישט געווען וועמען צו ראַטעווען...). אַזוי איז מקוים געוואָרן ביי איהם אויך דער ערשטער טייל פון דערמאנטן מאמר חז"ל: 'הרגל בנר הויין ליה בנים'... זיין קינד איז געראַטעוועט געוואָרן ממות לחיים.

רשעים, ביז עס זאָל זיין אַ ספּעציעלער אָרט באַזונדער צו לויבן דעם אויבערשטען וועגן דעם?

**ענטפערן** די ספרים (׳קדושת לוי׳, ועוד), אַז דאָ רעדט מען וועגן צוויי באַזונדערע זאַכן, און די ׳רישא׳ רעדט וועגן עפּעס אַנדערש ווי די ׳סיפא׳. קודם לויבט מען דעם אויבערשטען פאַר׳ן נס פונעם נצחון דורך שוואַכע און ווייניגע, און דערנאָך לויבט מען דעם אויבערשטען פאַר דעם וואָס די רשעים האָבן תשובה געטוהן און זענען געוואָרן צדיקים, און די טמא׳נע מענטשן זענען געוואָרן טהור, און די זדים זענען געוואָרן ׳עוסקי תורתך׳. ווייל פון די גרויסע התגלות אלוקית וואָס איז פאָרגעקומען אין יענע צייטן, האָבן אַסאַך מענטשן תשובה געטוהן, עכ״ל.

**אט** דער התעוררות ווערט נתעורר יעדן יאָר בימים ההם בזמן הזה, און דעריבער קען יעדער איינער אין חנוכה, גלייבן אין דעם באַשעפער, און ממילא, ווען ביידע זאַכן קומען צוזאַמען, און עס ווערט נצטרף די קדושה פון שבת מיט די קדושה פון חנוכה[טז], איז דאָך זיכער אַז שבת חנוכה איז אַ ׳גרויסער שבת׳[יז].

**עס** ווערט געברענגט (׳מרגניתא דבי רבנן׳, פרשת בראשית) אַז דער הייליגער רוזינער זי״ע האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה״ק רבי שלום שכנא פּראָבישטער זי״ע, אַז אַלע שבתים ביז שבת חנוכה, זענען אין דער בחינה פון ׳והארץ היתה תוהו ובוהו׳ (בראשית א, ב), אָבער פון שבת חנוכה און ווייטער, שטייט ׳ויאמר אלוקים יהי אור, ויהי אור׳, עס ווערט לעכטיג אויף דער וועלט, ווייל עס ווערט נתגלה דער אור פון שבת דורך די חנוכה-לעכט.

### אלא לראותם בלבד - די סגולה פון קוקן אויף די לעכט

**עס** שטייט אין ספר ׳קב הישר׳ (פרק צו) אַז די מלאכי עליון, שרפים ואופנים, קומען אין יעדן אידישן הויז צו זעהן די הייליגע עבודה פון די אידן ביים צינדן די חנוכה-לעכט, און זיי ענטפערן ׳אמן׳ אויף זיין ברכה.

**דער** ׳קב הישר׳ דאָרט איז מאריך וועגן די קדושה פון די לעכט אַליין, אַז ס׳איז אַ מנהג צו זיצן ביי די לעכט און קוקן אויף זיי, און יעדעס לעכטל וואָס ווערט געצונדן פאַר אַ דבר מצוה, האָט אַ וואונדערליכע קדושה אָן אַ שיעור. אויב מיר וואָלטן זוכה געווען צו השגות פון רוח הקודש, וואָלטן מיר געקענט משיג זיין און וויסן עתידות, דורך די מצוה פון הדלקת נרות חנוכה.

---

**טז.** אין אַזאַ צייט ווי היי יאָר, ווען ראש חודש טבת פאַלט אויס אין שבת חנוכה, ווערן נצטרף אלע דריי קדושות, פון ראש חודש, מיט שבת און חנוכה. אַזוי שרייבט דער ׳בית אברהם׳, אַז דער הייליגער קאָזניצער מגיד זי״ע האָט געזאָגט, אַז אין שבת חנוכה וואָס קומט אויס אין ראש חודש, איז עס אַ בחינה פון ראש השנה, ווען עס ווערן געעפענט אין הימל דריי ספרים, און דאָס זעלבע שבת חנוכה ראש חודש טבת, לייענט מען אין דריי ספרי תורה, און דאָס וואָרט ׳מתתיהו׳ באַטרעפט 861, אַזוי ווי ׳ראש השנה׳.

**יז.** אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צו פאָרן צו הרה״ק רבי אשר סטאָלינער זי״ע אויף שבת ראש חודש טבת, וואָס איז געווען שבת חנוכה. שבת בייטאָג, איז דער חסיד איינגעשלאָפן אויף אַ באַנק אין שול, אָבער פון צייט צו צייט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אויסגערופן מיט התרגשות: ׳אה, שבת, שבת׳, און דאַן האָט ער ווייטער איינגעדרימלט פאַר עטליכע מינוט צייט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזאָגט מיט התרגשות: ׳אה, שבת חנוכה׳... עטליכע מינוט שפּעטער, האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט און געזאָגט, ׳אה, שבת ראש חודש׳...

ווען דעם רבינ׳ס זון, דער שפּעטערדיגער בעל ׳בית אהרן׳ זי״ע, האָט עס באַמערקט, איז ער געגאַנגען רופן זיין טאַטן דעם סטאָלינער, ער זאָל קומען מיט איהם אין בית המדרש און זעהן ווי אַזוי דער חסיד שלאָפט... הרה״ק רבי אשר איז אַריינגעקומען אין שול, און זעהענדיג ווי דער חסיד שלאָפט, האָט ער געקוקט אויף איהם אַ לענגערע צייט, און דאַן האָט ער זיך אָנגערופן: ׳אוי, שלאָפט ער ווי אַ איד...׳ (דאָס הייסט, אַזוי דאַרף טאַקע אַ איד שלאָפן).

באמת, אויך דער מענטש וואָס שפּירט אַז ער האָט נישט קיין שייכות מיט אַזעלכע השגות און הנהגות, אָבער פונדעסטוועגן, איז כדאי צו וויסן אַז פריערדיגע חסידים האָבן געשפּירט די ימים טובים און הייליגע זמנים אין זייערעביינער. אויך ביים שלאָפן, האָבן זיי געדענקט די קדושה פונעם זמן, און ממילא, איז נישט קיין שום וואונדער ווי אַזוי זענען נתעלה געוואָרן פון דעם גרויסן אור פון ׳שבת חנוכה׳.

**ענליך** ווערט געברענגט פון הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע, אַז אויך אין די שבת-לעכט קען מען זעהן אַלעס וואָס איז אָנגעגרייט צו פּאַסירן אין משך פון די קומענדיגע וואָך, און אין די חנוכה-לעכט קען מען זעהן אַלעס וואָס וועט פּאַרקומען במשך פון גאַנצן קומענדיגן יאָר הבעל"ט[יח].

**הרה"ק** בעל 'ישמח ישראל' זי"ע פלעגט זאָגן, אַז דער מענטש וואָס האָט אויגן צו זעהן, קען זעהן דעם שם הוי' ברוך הוא שיינען אין די חנוכה-לעכט.

**דער** 'ייטב פנים' (מאמר הוד והדר, אות י) שרייבט: עס איז אַ מנהג ישראל תורה, צו זיצן נאָכ'ן צינדן די חנוכה לעכט און קוקן אויף דעם שיין פון די לעכט, און דער טעם דערפון איז, כדי ממשיך צו זיין די זעלבע ניסים ונפלאות דורכ'ן קוקן אויף די לעכט.

**די** קדושה פון די חנוכה-לעכט שיינט מיט אַ הערליכע לעכטיגקייט אין די הערצער פון אידישע קינדער, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אויפ'ן פסוק (במדבר כא, ח) 'עשה לך שרף ושים אותו על נס, והיה כל הנשוך וראה אותו וחי'. אין דעם פסוק זענען מרומז די דריי ברכות וואָס מיר מאַכן ביים צינדן חנוכה לעכט (די ערשטע נאַכט חנוכה): 'עשה לך שרף' - גייט אויף די ברכה 'להדליק נר חנוכה', ווייל דאָס פייער ברענט און עס פאַרברענט די קנויטן. 'ושים אותו על נס', איז מרמז אויף די ברכה 'שעשה נסים לאבותינו'. 'וראה אותו וחי', איז אַ רמז אויף די ברכה 'שהחיינו וקיימנו'. דאָס הייסט, אַז די חנוכה לעכט זענען מסוגל אויך יעדער 'געביסענער' זאָל קוקן אויף די לעכט און ער וועט לעבן, דאָס הייסט, אַז אויך איינער וואָס איז ליידער אין אַ גאָר נידעריגן מצב, קען זיך איבערדרייען ממש 'מן הקצה אל הקצה' - פון איין עק צום אַנדערן, און שטייגן מעלה מעלה, אין זכות פון די חנוכה-לעכט[יט].

**טאַקע** דערפאַר, געפינען מיר אַסאַך מנהגים בשעת מען זיצט ביי די לעכט, און יעדער איינער

---

**יח.** החסיד המפואר ר' מאיר לייב פישמאן ז"ל, מגדולי חסידי באָיאַן, פלעגט מפציר זיין דעם משב"ק הרה"ח ר' ישראל שמעון ראבינאָוויץ ז"ל, ער זאָל בעטן פאַר איהם ביי זייער רבי'ן, דער באָיאַן-לייפּציגער רבי הרה"ק רבי ישראל זי"ע (אַ זון פון אַלטן באָיאַנער רבי'ן, הרה"ק בעל 'פחד יצחק' זי"ע) אַ מטבע פאַר אַ 'שמירה' אויף לאחר אריכות ימיו ושנותיו (עס זענען געווען צדיקים וואָס פלעגן אַמאָל געבן אַ מטבע פאַר אַ שמירה בחיים ולאחר חיים, און די חסידים פלעגן באַפעלן פאַר זייערע קינדער זיי זאָלן אַריינלייגן די מטבע אין זייער האַנט לאחר אריכות ימים ושנים). דער לייפּציגער רבי האָט אָבער זיך שטענדיג אַרויסגעדרייט דערפון, זאָגנדיג אַז ער האָט נאָך צייט דערויף, און ער פלעגט איהם אָנווינטשן אריכות ימים ושנים.

אין יאָר תש"ט, נאָך דעם ווי דער לייפּציגער רבי האָט געענדיגט אָפּרעכטן דעם טיש אין זאת חנוכה, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין משמש און איהם געזאָגט:

- שוין אַסאַך יאָרן וואָס דו בעטסט ביי מיר אַ מטבע פאַר אַ שמירה פאַר רבי מאיר לייב. נאַ-דיר אַ מטבע פאַר איהם, אָבער דו זאָלסט עס האַלטן ביי דיר, און איהם נישט דערציילן וועגן דעם, כדי ער זאָל נישט ווערן באַזאָרגט חלילה, און דער אויבערשטער זאָל העלפן ער זאָל זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים. ער איז אַ טייערער איד, און די וועלט דאַרף איהם האָבן".

דאַן האָט דער לייפּציגער צוגעגעבן, אַז ער האָט אויסגעוויילט פאַר איהם אַ ספּעציעלע מטבע, וואָס האָט נישט אויף זיך די צורה פון אַ 'שתי וערב'. ביז אַ קורצע צייט, ערב ראש חודש ניסן, איז רבי מאיר לייב נפטר געוואָרן לחיי עולם הבא.

**יט.** נאָנט צו זעכציג יאָר צוריק, איז די ווייטע אויסטראַליע געווען ווי אַ וויסטער מדבר ברוחניות. אין יענע צייטן, זענען נאָך נישט געגרינדעט געוואָרן די אַלע היימישע קהילות וואָס פולסירן דאָרט היינט צו טאָג, בסייעתא דשמיא.

האָבן מיר געהערט דערציילן, אַז אַ איד וואָס ס'איז איהם אויסגעקומען צו פאָרן געשעפטליך קיין אויסטראַליע אין יענער תקופה, און דאָנערשטאָג, האָט ער נאָך נישט געוואוסט וואו ער וועט קענען פראַווען דעם קומענדיגן שבת. ער האָט אַלזאָ באַשלאָסן אַריינצוגיין אין אַ פיש-געשעפט, האפנדיג צו באַגעגענען דאָרט אַ איד וואָס וועט קויפן פיש לכבוד שבת. ער האָט אַזוי געטוהן. ער איז אַריין אין אַ פיש-געשעפט און איז צוגעגאַנגען צום ערשטן קונה, וואָס האָט געקויפט פאַר זיך אַ גרויסן פיש, און איהם געפרעגט אויב ער איז אַ איד, אויף וואָס יענער האָט געענטפערט אַז יאָ, און ער האָט איהם טאַקע איינגעלאַדנט צו זיין אַ גאַסט ביי איהם אין הויז אויף שבת. דער

דאַרף זיך פירן אַזוי ווי זיינע עלטערן און רבי'ס האָבן זיך געפירט - איינער, זאָל זאָגן 'יושב בסתר' זיבן מאָל נאָכ'ן צינדן די לעכט [עס ווערט געברענגט אין נאָמען פון איינע פון די קדמונים אין 'ספר יצירה', גאָר אַ גוטע סגולה פאַר אַ שמירה אויפ'ן גאַנצן יאָר, אַז מ'זאָל זאָגן יעדע נאַכט פון חנוכה נאָכ'ן חנוכה-לעכט צינדן, זיבן מאָל 'ויהי נועם']. אַנדערע פירן זיך צו זאָגן קאַפּיטל קי"ט פון תהלים[2], און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן

איד האָט זיך זייער געפרייט מיט די איינלאַדונג, און ער איז נאָכגעגאַנגען יענעם איד ביז זיי זענען אָנגעקומען צו אַ הערליך הויז. יענער האָט געעפענט פאַר איהם אַלע זיינע טירן, און איהם מכבד געווען אַריינצוקומען, זעהענדיג דערצו אַז די משפחה זאָל זאָרגן פאַר אַלע זיינע באַדערפענישן.

אַזוי איז דער שבת אַריבער אויף איהם מיט אַ התרוממות ברוח ונפש, געניסנדיג פון געשמאַקע שבת'דיגע מאכלים. ער האָט געזאָגט שיינע ווערטער אויף דער וואָך פאַר די משפחה. פלוצלינג האָט ער באַמערקט אַ צובראָכן קריגל מיט אויל וואָס ליגט אין דער שאַנק נעבן די טייערע זילבערנע כלים. מפני הכבוד, האָט ער זיך אָבער צוריקגעהאַלטן צו פרעגן דעם באַלעבאָס וועגן דעם, אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע בני בית. אָבער ווען ער האָט זיך געזעגנט פונעם באַלעבאָס, האָט ער איהם געפרעגט וועגן דער רעטעניש מיט'ן צובראָכענעם קריגל אויל, און פאַרוואָס עס ליגט אין דער שאַנק וואו עס ליגן די שיינע כלים פון הויז.

האָט דער בעל אכסניא איהם געענטפערט, אַז ווען ער איז געווען אַ קינד פון 12 יאָר, איז זיין טאַטע ליידער נפטר געוואָרן יונגערהייט רח"ל, און דאָס הויז געזינד איז געבליבן אָן פרנסה. דעריבער איז ער געווען געצוואונגען אַרויסצוגיין ברענגען פרנסה פאַר די שטוב, און ער האָט מיט'ן באַשעפער'ס הילף, זוכה געווען צו זעהן ברכה און הצלחה אין אַלע זיינע אַקטיוויטעטן, און ער איז געוואָרן זייער רייך. אין משך פון די יאָרן, איז אָבער ליידער, מקוים געוואָרן ביי איהם דער פסוק 'וישמן ישורון ויבעט', און ער איז צוביסלעך געפאַלן מטה מטה פאַרלאָזנדיג דעם דרך התורה והמצוות, ביז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן פון וואו ער שטאַמט.

דערציילט דער בעל אכסניא ווייטער, אַז אין אַ געוויסן טאָג איז ער געגאַנגען אויף דער גאַס, און האָט באַמערקט אַ קינד וויינען מיט אַ צובראָכן קריגל אויל אין האַנט. ווען ער האָט געפרעגט דאָס יונגל פאַרוואָס ער וויינט, האָט ער איהם געענטפערט מיט טרערן אין די אויגן, אַז היינט איז ערב חנוכה, און מ'גייט איבעראַל צינדן היינט דאָס ערשטע חנוכה-לעכטל. וויבאַלד זיין טאַטע איז ליידער אַ בלוטיגער אָרימאַן ל"ע, האָט ער איהם געשיקט באָרגן עטליכע פרוטות פון אַ שכן, כדי צו קענען קויפן אַ פלעשל מיט ריינעם שמן זית, און ער האָט איהם אָנגעוואָרנט אַז גייענדיג אויף דער גאַסט זאָל ער, למען השם, אַכטונג געבן, נישט צו צוברעכן דאָס פלעשל אויל. דאָס קינד האָט אַזוי געטוהן, ער האָט פרובירט אַכטונג צו געבן, אָבער ליידער, איז איהם פאַרביי געלאָפן אַ קעצל, און פון גרויס פחד איז דאָס פלעשל אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, און עס האָט זיך צעבראָכן... צוליב דעם וויינט ער, 'ווי קען איך קומען אַהיים אָן דעם פלעשל מיט שמן זית...'.

דערציילט דער איד ווייטער: יענע מינוט, האָט אין מיר אויפגעפלאַמט דער אידישער פונק, און איך בין אַליין נתעורר געוואָרן זיך צו באַטראַכטן ווי אַזוי זעה איך אויס ברוחניות, 'כי איך אעלה אל אבי', ווי אַזוי ווען איך אַרויפקומען צום גרויסן טאַטן אין הימל לאחר אריכות ימי ושנותי, אַז איך בין אַזוי דערוויטערט פון שמירת התורה והמצוות. איך האָב אַלזאָ גענומען עטליכע פרוטות, און עס אַוועקגעשאָנקען פאַר דעם יונגל, צו גיין קויפן צוויי פלעשלעך אויל, איין פלעשל פאַר זיין טאַטן, און אַ צווייטן פלעשל - פאַר מיר... אינצווישן האָב איך אויפגעהויבן פון דער ערד די צובראָכענע שטיקלעך פונעם פלעשל אויל וואָס דאָס קינד האָט אַראָפּגעלאָזט אויף דער גאַס, און עס גענומען מיט מיר, עס זאָל מיך כסדר אָפּהיטן... יענע נאַכט, האָב איך געצונדן חנוכה-לעכט מיט אַ ברכה 'שהחיינו והגיענו לזמן הזה', נאָך אַזאַ לאַנגע צייט וואָס איך האָב ליידער נישט זוכה געווען מקיים צו זיין די הייליגע מצוה... פון דאָרט און ווייטער, איז מיר שוין געווען לייכטער תשובה צו טוהן... יעצט פאַרשטייסטו פאַרוואָס איך האָב אַוועקגעלייגט דאָס צובראָכענע פלעשל אויף אַ מכובד'דיגן אָרט אין שאַנק, כדי איך זאָל שטענדיג געדענקען דעם פרטיות'דיגן נס וואָס האָט מיט מיר פאַסירט, אַז איך האָב זיך צוריקגעקערט צו קיום התורה והמצוות, אַדאַנק דעם דאָזיגן פלעשל...

**כ.** דער 'לקט יושר' (ח"א, עמוד 43) ברענגט אַז זיין רבי, דער בעל 'תרומת הדשן' ז"ל, האָט זיך געפירט יעדן טאָג צו זאָגן קאַפּיטל קי"ט פון תהלים, זיך אויסגיסנדיג דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער ער זאָל איהם געבן הצלחה אין זיינע רוחניות'דיגע ענינים, און דער זמן איז זיכער געאייגנט דערפאַר, אין אַזאַ געהויבענעם עת רצון.

באַשעפער אין דעם געהויבענעם זמן, צו בעטן אויף ענינים פון רוחניות פאַר זיך און די קינדער. און דער עיקר איז, צו מאַכן אַ חשבון הנפש און נתעורר ווערן צו תשובה, כדי צוצוגיין מיט אַ ריין האַרץ צו די הייליגע עבודה[כא].

**ספּעציעל** איז דער זמן פון חנוכה לעכט צינדן, מסוגל צו תפילה, ווי עס שטייט אין תוספתא (מע"ר פ"ה הי"ד) אַז אַלע וואָס זענען עוסק אין מצוות, איז זייער מויל אָפּן מיט אַ תפילה פאַר דעם אויבערשטען, און דער 'רבינו בחיי' שרייבט (שמות יט, ג) אַז די פרוי דאַרף מתפלל זיין בשעת זי צינדט די שבת-לעכט, אַז אירע קינדער זאָלן זיין תלמידי חכמים וואָס שיינען אין תורה, ווייל בשעת מ'איז מקיים אַ מצוה, ווערט די תפילה בעסער געענטפערט אין הימל.

**כא.** הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע פלעגט נישט אַריינלאָזן די חסידים צו זיין אָנוועזנט ביים חנוכה-לעכט צינדן. ער האָט געזאָגט, חז"ל זאָגן דאָך (ב"ב נז:) אַז מ'טאָר נישט קוקן אויף די פרויען ווען זיי שטייען און וואַשן. האָט רבי יחזקאל'ע געזאָגט: 'נשים' איז מרמז אויף אידישע נשמות, וואָס ביים צינדן לעכט, זענען זיי אין דער בחינה פון 'עומדות על הכביסה' - זיי וואַשן דעמאָלס אויס די נשמה פון יעדן שמוץ. דעריבער איז נישט כדאי צו שטיין און קוקן אויף אַ צווייטן ווען ער צינדט לעכט.

כאָטש מיר האָבן נישט קיין נגיעה כל דהוא מיט אַזעלכע געהויבענע ענינים, אָבער פונדעסטוועגן, קענען מיר פון דעם פאַרשטיין וואָס פאַר אַן עת רצון עס איז אין הימל ווען מ'צינדט די לעכט. ממילא, דאַרף יעדער איינער זעהן זיך מעורר צו זיין צו אהבת ה', און גוט אויסוואַשן דעמאָלס די נשמה...

# זאת חנוכה

**זאת עשו והיו - דער אויבערשטער זאָגט "קשה עלי פרידתכם"**

**עס** ווערט געברענגט אין ספרים הק' ("עירין קדישין" השלם) אַז דאָס וואָס די צדיקים קענען פועל'ן אין ראש השנה און יום כיפור, קען יעדער פשוט'ער איד פועל'ן אין דעם טאָג פון זאת חנוכה.

**די** ספרים געבן צו פאַרשטיין דאָס ענין, אַז היינטיגע צייטן דאַרף מען נישט "ברענגען" די ניסים ונפלאות, ווייל זיי זענען שוין אָנגעגרייט פון הימל, און וועגן דעם איז גענוג די תפילה אַפילו פון אַ פשוט'ן מענטש, אַרויסצוברענגען די ניסים "מן הכח אל הפועל".

**עס** שטייט אין ספה"ק "שפת אמת" (חנוכה תר"מ, ד"ה "אא"ז") אַז זאת חנוכה איז אַזוי ווי דער יום טוב פון שמיני עצרת. חז"ל זאָגן (געברענגט אין רש"י ויקרא כג, לו) אַז דער יום טוב ווערט אָנגערופן "עצרת", ווייל דער אויבערשטער זאָגט, "עצרתי אתכם אצלי" - איך האָב אייך אויפגעהאַלטן ביי מיר. (מיט דעם משל, אַז קעניג האָט איינגעלאַדנט זיינע קינדער צו אַ סעודה, אויף אַ באַשטימטע צאָל טעג. ווען עס איז געקומען די צייט זיך צו געזעגענען, האָט דער קעניג געזאָגט: "מיינע קינדער, איך בעט אייך, 'עכבו עמי עוד יום אחד' - האלטס ענק אויף צוזאַמען מיט מיר נאָך אַ טאָג. "קשה עלי פרידתכם" - ס'איז מיר שווער צו געזעגענען זיך מיט ענק.)

**זאָגט** דער "שפת אמת", אין פרשת אמור, האָט די תורה אַוועקגעשטעלט די מצוה פון הדלקת הנרות אין בית המקדש, נעבן די מצוה פון יום טוב סוכות, ווייל באַלד נאָך די מצוה פון שמיני עצרת, זאָגט דער פסוק (ויקרא כד, ב) "ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור", און דער "רוקח" (אָנהייב הלכות חנוכה) ברענגט אַ רמז, אַז צוליב דעם האָט מען טאַקע באַשטימט אַכט טעג חנוכה, אַזוי ווי סוכות וואָס איז אויך אַכט טעג.

קומט אויס, אַז זאת חנוכה איז ענליך צו שמיני עצרת, וואָס איז דער אַכטער טאָג פון סוכות, און ביי שמיני עצרת, זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ג לב.) אַז אין יענע שמחה געפינען זיך ביים קעניג (ביי דעם אויבערשטען) נאָר די אידן אַליין: "ומאן דיתיב עם מלכא ונטל ליה בלחודיה, כל מה דבעי שאיל ויהיב ליה" - און דער וואָס ער זיצט אַליין מיט'ן קעניג, באַקומט אַלעס וואָס ער פאָדערט פונעם קעניג.

**דאָס** זעלבע קען מען זאָגן אויף דעם טאָג פון זאת חנוכה, "כל מאי דבעי, שאיל ויהיב ליה" אַלעס וואָס דער מענטש בעט דעמאָלס פון דעם אויבערשטען, קען ער פאַרלאַנגען און ער וועט עס איהם געבן[כב].

**צדיקים** האָבן געזאָגט, אַז די קדושה פון "זאת חנוכה" איז אַזוי גרויס ווי יום כיפור, לויט דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט (אויף תיקוני זוהר), חז"ל האָבן מתקן געווען צו זאָגן גאַנץ הלל אַלע אַכט טעג פון חנוכה, אַנטקעגן די אַכט טעג פון יאָר וואָס מ'האָט געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל, אָבער מ'זאָגט נישט דעמאָלס גאַנץ הלל. קומען די אַכט טעג פון חנוכה און זענען משלים די טעג וואָס מ'זאָגט נישט גאַנץ הלל.

**זעקס** טעג פון יום טוב פסח, זאָגט מען האַלב הלל (כאָטש מ'וואָלט דעמאָלס געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל), ווייל שביעי של פסח זאָגט מען דאָך נישט גאַנץ הלל (ווייל דער אויבערשטער זאָגט (מגילה י:), "מעשי ידי טובעין בים, ואתם אומרים שירה?"). און דאָס זעלבע איז גילטיג פאַר גאַנץ חול המועד (משנה ברורה, סי' ת"צ, סק"ז). ראש השנה און יום כיפור זאָגט מען דאָך נישט הלל, ווי די גמרא זאָגט (ר"ה לב:) "אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו, וישראל אומרים שירה". איז דען מעגליך אַז ווען דער קעניג זיצט אויף די שטוהל

---

**כב.** לויט דעם, קען מען פאַרענטפערן די באַקאַנטע קשיא פונעם "בית יוסף" (סי' עת"ר) וואָס ער פרעגט, פאַרוואָס האָט מען באַשטימט אַכט טעג חנוכה, עס איז דאָך געווען גענוג אויל צו צינדן די מנורה איין טאָג? נאָר באמת קען מען זאָגן, אַז דער אויבערשטער בעט פון אונז, מיר זאָלן זיך אויפהאַלטן מיט איהם נאָך אַ טאָג, אין צוגאָב צו די זיבן טעג. 'זאת חנוכה' טוט דער אויבערשטער זיך מתייחד זיין מיט אידישע קינדער מיט אַ מורא'דיגן יחוד, און אין יענע צייט טאָרן די מקטריגים און משטינים נישט דאָרט זיין. ממילא, ערפילט דער אויבערשטער פאַר די אידן אַלע זייערע פאַרלאַנגען צום גוטן.

פון מדת הדין און די ספרים פון די לעבעדיגע און פון די טויטע זענען אָפּען פאַר איהם, זאָלן אידן דעמאָלט זאָגן שירה? איז משמע פון די גמרא, אַז ווען נישט אט דעם טעם, וואָלט מען אויך ראש השנה און יום כיפור, געדאַרפט זאָגן גאַנץ הלל.

**פון** דעם קומט אויס, אַז די ערשטע זעקס טעג פון חנוכה זענען משלים פאַר די זעקס טעג פון פסח וואָס מ'זאָגט האַלב הלל. דער זיבעטער טאָג פון חנוכה איז משלים פאַר ראש השנה, און זאת חנוכה איז אַנטקעגן יום כיפור.

**די** גרויסע מתנה וויזט אויף די גרויסע ליבשאַפט וואָס דער אויבערשטער האָט צו אידישע קינדער, ווי עס שטייט אין ספה"ק "ישמח ישראל" (חנוכה, אות נג) אויף דעם פסוק (תהלים מא, יב) "בזאת ידעתי כי חפצת בי, כי לא יריע אויבי עלי". מיט דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן "זאת חנוכה", דערקענט זיך די גרויסע ליבשאַפט און דער רצון וואָס דער אויבערשטער גליסט צו אידישע קינדער. ממילא, ליגט אויף אונז אַ חיוב אויסצונוצן די צייט ווי ס'דאַרף צו זיין, "כי לא יריע אויבי עלי", בימים ההם ובזמן הזה.

**מ'דאַרף** אָבער געדענקען ביידע צדדים, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז פון איין זייט, זאָגן מיר מיט התפעלות "זאת חנוכה", דאָס הייסט, אַז מ'קען שפירן די וואונדערליכע ניסים וואָס ווערן נשפע אין דעם טאָג, ווייל עס איז דער עיקר פון יום טוב חנוכה, און פון דער צווייטער זייט, מיינט עס אויך "זאת חנוכה", דאָס איז חנוכה, און מער נישט, ווייל די טעג גייען אַדורך זייער שנעל. מ'דאַרף זעהן אַז מ'זאָל צומאָרגנס נישט חרטה האָבן אַז מ'האָט נישט ריכטיג אויסגענוצט די צייט[כג].

**"זאת** עשו וחיו" - יעדער דאַרף נעמען אין האַנט אַריין דעם ספר תהלים אין דעם געהויבענעם טאָג פון זאת חנוכה, און זיך אויסגיסן דאָס האַרץ מיט השתפכות הנפש, אַז מ'זאָל זוכה זיין אַרויסצוגיין פון אַלע ענגשאַפטן בגשמיות וברוחניות[כד], ווייל אין דעם טאָג ווען דער אויבערשטער גיסט אויס אויף אונז אַ גרויסע שפע פון אַלעם גוטן, איז די איינציג'סטע עצה, "הרחב פיך ואמלאהו", צו בעטן דעם בעל הרחמים ברוך הוא, און ער וועט זיכער ערפילן אַלע אונזערע בקשות[כה].

---

**כג.** הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאַר זצ"ל, גאב"ד "חוג חתם סופר" אין בני ברק, האָט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "ויגד יעקב" זצ"ל פון פאפא, עס פאַסירט אַז ווען עס קומט דער טאָג פון זאת חנוכה, מאַכט זיך דער מענטש אַ חשבון הנפש, עס קומען אַריין אין זיין האַרץ מחשבות פון עצבות און יאוש ח"ו, זעהענדיג אַז ער האָט נישט גוט אויסגענוצט דעם הייליגן זמן. אויף דעם זאָגט מען פאַר דעם מענטש, שטאַרק זיך אָפּצושטופן די פסול'ע געדאַנקען פון דיין קאָפּ, ווייל "זאת חנוכה", מיר שטייען נאָך אַלץ אינמיטן די שטאַרקייט פון די חנוכה טעג, און מ'קען נאָך אַלץ פועל'ן גרויסע ישועות. אויך איז די עצם הכנעה דער תכלית פון די חנוכה-טעג, "זאת חנוכה" - דאָס איז דער ציל פון יום טוב חנוכה, צוצוברענגען דעם מענטש צו ענוה און שפלות הרוח (אָבער נישט צו עצבות און יאוש ח"ו).

דער "בת עין" שרייבט, אַז מען צינדט חנוכה לעכט "למטה מעשרה", כדי מרמז צו זיין, אַז אויב מען וויל זעהן נסים, דאַרף מען זיך האַלטן קליין, און זיך אַראָפּבייגן "למטה מעשרה".

מ'דאַרף זיך היטן עס זאָל נישט פאַרווירקליכט ווערן ביי אונז דער פסוק (תהלים צב, ז) איש בער לא ידע וכסיל לא יבין את "זאת"... מ'זאָל נישט זיין אַזוי ווי אַ נאַר וואָס ער פאַרשטייט נישט און נוצט נישט אויס דעם געהויבענעם זמן פון זאת חנוכה, און צוליב זיין חסרון ידיעה, לאָזט ער אַדורך דעם טאָג אָן דעם וואָס ער זאָל זיך אָנשטרענגען אָנצושעפּן פולע הויפנס מיט השפעות טובות. לו חכמו ישכילו "זאת" - מ'זאָל פאַרשטיין די סגולה פון דעם הייליגן טאָג "זאת חנוכה", זיך צו שטאַרקן און זאָגן, "בזאת" אני בוטח.

**כד.** אַמאָל זאת חנוכה, איז דער הייליגער רוזינער זי"ע אַריינגעקומען אין בית המדרש און געזעהן ווי די חסידים שפילן "דריידל", ווי עס איז דער מנהג ישראל. האָט דער רוזינער געזאָגט צום עולם:

- וואָס מ'שפילט חנוכה, קען מען נאָך פאַרשפילן. אָבער וואָס מ'שפילט זאת חנוכה, קען מען נישט פאַרשפילן...

**כה.** אַזוי שרייבט דער "בית אהרן" זי"ע פון קאַרלין (מאמרים לחנוכה, ד"ה "עוד אמר"): "דער מענטש דאַרף גלייבן אַז מיט'ן כח פון זאָגן תהלים, קען מען אַרויסגיין פון אַלע נאַרישקייטן און ענגשאַפטן, און פון אַלע ענדערונגען

### אדון הנפלאות - מ'קען אָנטאַפּן מיט די הענט די ניסים'דיגע הנהגה פון דעם טאָג

**עס** שטייט אין ספה"ק "בני יששכר" (כסלו-טבת, מאמר ב, אות י): אונזערע פריערדיגע רבי'ס פלעגן זאָגן, אַז אין חנוכה קען מען מעורר זיין אַז קינדערלאָזע מענטשן זאָלן געהאָלפן ווערן מיט קינדער, אַזוי ווי ראש השנה. און לויט מיין מיינונג, איז די עיקר-סגולה (געהאָלפן צו ווערן אין חנוכה מיט קינדער) אין לעצטן טאָג פון חנוכה, וואָס ווערט אָנגערופן "זאת חנוכה". דער דאָזיגער טאָג איז מסוגל צו פקידת עקרות, זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט קינדער[כו].

**דער** טאָג איז גאָר שטאַרק מסוגל פאַר אַ גוטע פרנסה[כז], ווי הרה"ק בעל "אמרי נועם" זי"ע זאָגט (מאמרים לזאת חנוכה), אויף דעם פסוק (דה"א כט, יא) "לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד כי כל בשמים ובארץ" וגו'. "לך ה' הגדולה" גייט אויף דעם ערשטן טאָג חנוכה. "והגבורה" - דער צווייטער טאָג. "והתפארת" - דער דריטער טאָג. "והנצח" - דער פערטער טאָג. "וההוד" - דער פינפטער טאָג. "כי כל בשמים ובארץ והמתנשא לכל לראש" - דער זעקסטער טאָג. "לך ה' הממלכה" - דער זיבעטער טאָג. "והעושר והכבוד מלפניך", איז זאת חנוכה. אין דעם טאָג פון זאת חנוכה, איז מען זוכה צו אַ שפע פון פרנסה און עשירות.

**באמת**, זענען אויך די אַנדערע טעג פון חנוכה מסוגל צו עשירות, ווי עס שרייבט דער "ערוגת הבושם" (פ' ויגש), אַ רמז אין פסוק (בראשית מה ה), "כי למחיה שלחני אלקים לפניכם". שלחנ"י ראשי תיבות ל'הדליק נ'ר ש'ל ח'נוכה ש'מונת י'מים. אויב מ'צינדט לעכט אַלע אַכט טעג פון חנוכה, איז מען זוכה צו "מחיה" - צו פרנסה בריווח.

**עס** איז באַקאַנט פון די מקובלים, אַז יעדן טאָג פון חנוכה ווערט נתעורר אַן אַנדערע מדה פונעם אויבערשטען, וואָס מיר זאָגן אין ברכת "יוצר אור", ביי תפילת שחרית. דאָרט ווערן אויסגערעכנט אַכט מדות פון דעם אויבערשטען: "פועל גבורות, עושה חדשות, בעל מלחמות, זורע צדקות, מצמיח ישועות, בורא רפואות, נורא תהלות, אדון הנפלאות" - אַכט מדות. יעדן טאָג פון חנוכה איז דאָ אַן אַנדערע שפע, לויט'ן סדר וואָס ווערט דאָ אויסגערעכנט. קומט אויס, אַז זאת החנוכה ווערט נשפע די מדה פון "אדון הנפלאות"[כח].

---

וואָס דער מענטש האָט, און אַזוי קען ער ביישטיין די מחשבות פון יאוש וואָס דער יצר הרע וויל אַריינברענגען אין איהם.

**כו.** הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע פלעגט איבערזאָגן די ווערטער פונעם "בני יששכר", ביים "טיש" זאת חנוכה, און אַזוי האָבן אויך אַנדערע צדיקים זיך געפירט.

הרה"ק בעל "חקל יצחק" מספינקא זי"ע הי"ד, האָט דערציילט, אַז זיין טאַטע, הרה"ק בעל "אמרי יוסף" זי"ע, האָט יאָרן נאָך די חתונה נישט זוכה געווען צו קינדער. איינמאָל זאת חנוכה, איז זיין רעביצין געווען אין צאַנז, און זי האָט זיך מזכיר געווען אויף קינדער, פאַר'ן הייליגן "דברי חיים", זי"ע, און 9 חדשים שפּעטער, איז געבוירן געוואָרן אַ זון (טאַקע דער "חקל יצחק").

עס שטייט אין ספה"ק "אמרי נועם" (סוף יום ז' דחנוכה) אַז די ווערטער "בנים פרנסה" באַטרעפן די צאָל 497, אַזוי ווי "זאת חנוכה". דאָס לערנט אונז, אַז דער זמן איז מסוגל צו פועל'ן "בני" און "מזוני".

**כז.** אַ איד האָט זיך אַמאָל אויסגערעדט פון האַרצן פאַר דעם גאון בעל "חזון איש" זצ"ל, איבער זיין ענגען מצב אין פרנסה. ער האָט געזאָגט, אַז ער נויטיגט זיך אין אַ גרויסן נס, צו קענען באַצאָלן זיינע חובות, און זיך צו שטעלן אויף די פיס פינאַנציעל. "לאו בכל יומא מתרחיש ניסא", האָט דער איד געזאָגט. האָט דער "חזון איש" איהם פאַרראַכטן, זאָגנדיג:

- "לאו", ניין.... נאָר "בכל יומא מתרחש ניסא" - עס קענען יעדן טאָג פּאַסירן ניסים... זאת חנוכה האָט ביידע מעלות. ערשטנס, אַז מ'קען זוכה זיין צו ניסים אין אַלע ענינים, און נאָך אַ זאַך, ווייל דעמאָלס איז איינגאַנצן נישט דאָ אַ הנהגה פון טבע. אַלע ענינים פון דער וועלט ווערן געפירט דעמאָלס אויף אַן אופן העכער פון דרך הטבע, און דאַן איז דער נס גופא אויך מיט'ן דרך הטבע.

**כח.** און אָט איז אַ מורא'דיגע מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ סאַך יאָרן צוריק, אין דער ישיבה פון הגאון רבי חיים יצחק חייקין זצ"ל (אַ תלמיד פון "חפץ חיים" זי"ע) אין עקס-לע-בען אין פראַנקרייך. מ'האָט געפונען ביי איינע

די הנהגה פון וואונדערליכע ניסים ווערט אין דעם טאָג אַזוי ווי טבע[כט].

### אחרי המשח אותו - די ליכט פון חנוכה זאָלן ליכטיג מאַכן אויפ'ן גאַנצן יאָר

**אין** דער פרשה פון חנוכת המזבח, וואָס מ'לייענט אין דער תורה זאת חנוכה, זאָגט דער פסוק (במדבר ז, פד) 'זאת חנוכת המזבח ביום המשח אותו'. עטליכע פסוקים ווייטער (פסוק פח) שטייט: 'זאת חנוכת המזבח אחרי המשח אותו'.

**זאָגט** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע (געברענגט אין ספר 'ליקוטי יהודה', פ' נשא) אז קודם שטייט 'ביום' המשח אותו, און דערנאָך שטייט 'אחרי' המשח אותו. עס קומט אונז לערנען, אַז ס'איז נישט גענוג צו באַקומען די גרויסע אורות אין דעם טאָג ('ביום') פון חנוכת המזבח, נאָר דער עיקר איז, עס זאָל איבערבלייבן די המשכה פון די הייליגע השפעות, אויך 'אחרי המשח אותו' - אויך נאָך דעם ווי דער יום טוב גייט אַדורך, זאָל עס פאַרבלייבן ביים מענטש אַ לאַנגע צייט[ל].

---

פון די תלמידים אַ געוויקס רח"ל אין האַלדז. אַלע דאָקטוירים און פראָפעסאָרן האָבן געזאָגט, אַז עס איז נישט דאָ פאַר איהם אַן אַנדערע עצה, נאָר צו אָפערירן אויף אַ באַלדיגן אופן, כדי אַרויסצושניידן דעם געוויקס. פון דער צווייטער זייט, איז אויך די עצם אָפעראַציע געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות ח"ו, ווייל אויב מ'שניידט צופיל, אַפילו אַ "האָר" מער ווי נויטיג, אָדער אויב דאָס מעסער וועט זיך אָפּרוקן אַפילו אַביסל, איז דאָ אַ חשש אַז דער חולה קען שטאַרבן רח"ל. אויך האָט גאָר אַ גרויסער פראָפעסאָר אין פאַריז געזאָגט, אַז מ'מוז וואָס פריער אָפערירן דעם בחור, כדי צו ראַטעווען זיין לעבן, אָבער אויך דער דאָקטאָר האָט מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די אחריות און אונטערנעמען אַדורכצופירן אַזאַ שווערע אָפעראַציע.

אין יענע צייט, האָט אין פאַריז געוואוינט הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, און מ'האָט מזכיר געווען פאַר איהם דעם בחור, און געפרעגט וואָס מ'זאָל טוהן. האָט רבי איציקל געענטפערט, אַז ער האָט נאָך ביי זיך די קנויטן פון די חנוכה לעכט פון חנוכה העבר עלינו לטובה (די מעשה מיט'ן בחור, האָט פאַסירט דריי וואָכן נאָך חנוכה). "נעמט, אַלזאָ, די קנויטן, און דער בחור זאָל עס לייגן אויף יענעם אָרט (פונעם האַלדז), און ער זאָל נישט אַרויסגיין פון הויז דריי טעג צייט" (מי יעמוד בסוד קדושים).

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז מ'האָט אַזוי געטוהן. שפּעטער, ווען דער בחור איז צוריקגעקומען צום פּראָפעסאָר און מ'האָט דורכגעפירט נאָך אַן "עקסרעי", האָבן די בילדער געוויזן אַז עס איז נישט דאָ אַ זכר פונעם געוויקס... דער דאָקטאָר האָט, אַן ערשטוינטער, געפרעגט ווער ס'איז דער 'פּראָפעסאָר' וואָס האָט געמאַכט די אָפעראַציע... יענער מיז דאָך ממש אַ 'יחיד מומחה', צו קענען אַרויסשניידן אַלעס וואָס מ'האָט געדאַרפט באַזייטיגן מיט אַזאַ פונקטליכקייט. "לא פחות, ולא יותר"...!

דער ערשטער באָבוב'ער רב, הרה"ק מהר"ש זי"ע, האָט טייטשט דעם פסוק (תהלים קיח, כג) "מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו". דער אַכטער טאָג, וואָס איז מרומז אין דעם וואָרט "זאת", איז אָנגעגרייט צו פועל'ן זאַכן וואָס זענען אין דער בחינה פון "נפלאת בעינינו", ווי צדיקים האָבן געזאָגט, אַז מ'קען אָנטאַפּן מיט די הענט די ניסים'דיגע הנהגה וואָס ווערט נשפע פון הימל אין דעם גרויסן און הייליגן טאָג זאת חנוכה.

**כט.** דער ראַדאָמסקער רבי, הרה"ק רבי אברהם ישכר זי"ע, זאָגט אין "חסד לאברהם" (לזאת חנוכה), אַז זאת חנוכה איז מסוגל מעורר צו זיין די גאולה, ווי דער פסוק זאָגט (במדבר ז, פד) "זאת חנוכת הבית ביום המשח אותו". "המשח" איז מרמז אויף משיח בן דוד, אַ רמז אַז דער זמן פון "זאת חנוכה" איז מסוגל צוצואיילן די גאולה שלימה אין דעם טאָג.

אַנדערע ספרים זאָגן אַ רמז, משי"ח ראשי תיבות מ'דליקין ש'מונת י'מי ח'נוכה. דאָס לערנט אונז אַז אין די טעג פון חנוכה, איז דאָ אַ ניצוץ פון דעם אור פון משיח, און עס איז אַ גאָר געהויבענער זמן. מ'דאַרף זיך נאָר שטאַרקן אַז מ'זאָל נישט אַריינפאַלן חלילה אין אַ גרויסן טיפן דרימל ("זרע קודש", ליל א' דחנוכה, ד"ה "וכן").

**ל.** דער גאון רבי שלמה איגר זצ"ל (אַ זון פון דעם גאון ישראל רבי עקיבא איגר זצ"ל) איז געווען אַן איידים ביי אַ רייכן איד, וועלכער האָט געשריבן אין זיין צוואה, אַז דאָס ערשטע געבוירענע אייניקל וואָס וועט טראָגן זיין נאָמען, זאָל באַקומען 100 טויזנט רובל פון די ירושה וואָס ער לאָזט איבער. באַלד נאָך דער פטירה פונעם שווער, איז ביי רבי

**דער** תכלית פון יום טוב חנוכה איז אַריינצושיינען אין דער פינצטערניש פון די קומענדיגע טעג הבאים

עלינו לטובה[לא], ווי דער קאַזשיגלובער רב זצ"ל הי"ד זאָגט ('ארץ צבי', מועדים, ע' קע), אַז דער נאָמען 'חנוכה'

---

שלמה'ן געבוירן געוואָרן אַ בן זכר, און מ'האָט איהם אַ נאָמען געגעבן נאָך דעם נפטר. לײדער, אָבער, איז דאָס קינד אַוועק פון דער וועלט רח"ל, און דערנאָך איז געבוירן געוואָרן אַ יונגל ביי אַ שוואָגער פון רבי שלמה איגר, און אויך יענער קינד האָט באַקומען דעם נאָמען פונעם רייכן פאַרשטאָרבענעם זיידן.

האָט אויסגעבראָכן אַ סכסוך צווישן ביידע שוואָגערס, ווער עס דאַרף באַקומען די ריזיגע סומע פון הונדערט טויזנט רובל, וואָס דער פאַרשטאָרבענער שווער האָט פאַרשריבן פאַר דעם ערשטן אייניקל וואָס וועט גערופן ווערן מיט זיין נאָמען. רבי שלמה האָט גע'טענה'ט, אַז על פי הלכה, געהערט דאָס געלט צו איהם, וויבאַלד זיין קינד איז געווען דער ערשטער צו באַקומען דעם נאָמען פונעם שווער דעם נפטר, און די הלכה איז אַז אַ טאַטע ירש'ענט זיין קינד, און ממילא, קומט איהם דאָס געלט וואָס דאָס פאַרשטאָרבענע קינד האָט געדאַרפט ירש'ענען. פון דער צווייטער זייט, האָט זיין שוואָגער גע'טענה'ט, אַז די צוואה פונעם נפטר איז געווען צו שענקען דאָס געלט פאַר דעם קינד וואָס וועט טראָגן זיין נאָמען לאורך ימים. ממילא, דאַרף די ירושה נישט אַריבערגיין צו דעם פאַרשטאָרבענעם קינד, נאָר צו דעם צווייטן אייניקל, וועלכער לעבט און טראָגט דעם נאָמען פונעם זיידן. נישט קענענדיג קומען צו אַן עמק השוה, זענען ביידע צדדים געגאַנגען צו אַ דין תורה פאַר דעם באַרימטן גאון בעל 'חמדת שלמה' זצ"ל אב"ד וואַרשע.

נאָכ'ן אויסהערן די טענות פון ביידע צדדים, האָט דער 'חמדת שלמה' געזאָגט, אַז ער וועט איבערטראַכטן די זאַך במשך פון עטליכע טעג. צום סוף, האָט דער 'חמדת שלמה' גע'פסק'ענט, אַז אַ קינד וואָס איז נישט אַ בר קיימא, ווערט נישט גערעכנט אַזוי ווי 'געבוירן', און דאָס געלט דאַרף אַריינפאַלן אין חלק פונעם לעבעדיגן קינד (למעשה, האָט רבי שלמה איגר נישט געוואָלט אָננעמען די סברא, ביז דער 'חמדת שלמה' האָט איהם געזאָגט, אַז ער האָט ספּעציעל צוגעוואַרט מיט'ן אַרויסגעבן זיין פסק, ווייל ער האָט צוערשט געוואָלט הערן דעם דעת תורה פון זיין - רבי שלמה'ס - פאָטער, רבי עקיבא איגר).

לענינינו, קען מען זאָגן, די השפעות און אורות פון חנוכה, זענען דאָך ווערד פיל מער ווי די 100 טויזנט רובל... און אויב מ'טוט עס נישט 'איינקריצן' אין זיך, אַז עס זאָל זיין אַ 'בר קיימא', האָט עס נישט קיין זינען און קיין תכלית. ס'וועט אַוועקפליען אַזוי שנעל ווי ס'איז געקומען...

אגב, דער באַקאַנטער קאָצקער חסיד רבי בן ציון אָסטראָווער זצ"ל, האָט מער ווי צען יאָר נאָך די חתונה נישט זוכה געווען צו אַ קינד. איינמאָל ראש השנה, איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, און ער האָט זיך פאַר איהם אויסגעוויינט דאָס האַרץ, אַז ראש השנה איז אַן עת פקידה [ווי די גמרא זאָגט (ר"ה יא.) 'בראש השנה נפקדו שרה רחל וחנה'], בעט ער, אַלזאָ, פונעם רבי'ן ער זאָל איהם העלפן. האָט דער 'חידושי הרי"ם' איהם געזאָגט, אויב היינט איז אַן 'עת פקידה', דאַרפסטו דאָך מיך נישט האָבן... (ווי איינער זאָגט, דו קענסט היינט אַליין אויס'פועל'ן אַ ישועה). איז רבי בן ציון אַריין אין בית המדרש, און מתפלל געווען מיט גרויסע בכיות אַ לענגערע צייט. ער האָט דעמאָלס טאַקע גע'פועל'ט אַ ישועה, און ביז 9 חדשים איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אַ קינד למזל טוב.

לענינינו, ווילן מיר זאָגן, די טעג פון חנוכה - בפרט זאת חנוכה - איז אַן עת רצון. מ'דאַרף נישט 'אַרומלויפן' דאָ און דאָרט צו זוכן סגולות, נאָר יעדער איינער קען פועל'ן פאַר זיך אַ ישועה להפקד בדבר ישועה ורחמים, ספּעציעל אין דעם טאָג פון זאת חנוכה, איז יעדער איינער בכח איבערצודרייען די מערכות, ווי דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט געזאָגט: 'זאת עשו וחיו'. מ'דאַרף זיך נאָר אויסגיסן דאָס האַרץ, יעדער איינער אויף זיין אופן, כי קרובה ישועתי לבוא.

**לא.** אַמאָל זאת חנוכה, האָט הרה"ק רבי אשר סטאָלינער זי"ע באַפוילן די חסידים צו זינגען 'הדרן עלך מסכת חנוכה, והדרך עלן מסכת חנוכה'. דאָס הייסט, מיר האָבן ברוך השם זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה פון די חכמים אין חנוכה, און וועגן דעם בעטן מיר 'הדרך עלן' - דאָס הייסט, דער אור הקדושה פון די לעכט, זאָל צוריקקומען און אַריינשיינען אין אונז. [לויט דעם, איז דער טייטש פון וואָרט 'הדרן' פון לשון צוריקגיין, ווי מ'טרעפט אין ש"ס (עירובין יב. ועוד), 'הדרי בי']. עס זאָל זיך דערקענען אויף אונז די הייליגע אורות אַ גאַנץ יאָר (געברענגט אין ספר פון זיין זון, 'בית אהרן', דף מה: ד"ה 'לזאת חנוכה').

שטאַמט פון לשון 'חינוך' און התחלה - אָנהייב. ס'איז איינגעפירט ביי מענטשן, אַז ווען מ'בויט אַ ניי הויז, פּראַוועט מען אַ 'חנוכת הבית'. עס איז אָבער זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דער תכלית פונעם אַריינגיין אין הויז איז נישט צוליב די פייערונג פונעם חנוכת הבית... דער עיקר תכלית איז, צו וואוינען אין דעם הויז לאַנגע געזונטע יאָרן, נאָר מ'פרייט זיך מיט'ן 'מזמור שיר חנוכת הבית', ווייל עס איז די התחלה. אַזוי זענען די חנוכה-טעג נישט געגעבן געוואָרן בלויז לשעתם, נאָר עס גיט אַריין אַ כוח פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר הבעל"ט.

**דער** 'שפת אמת' (חנוכה תרל"ד, ליל א') ברענגט אַ ראיה פון די גמרא (שבת כא:) אַז מ'דאַרף לייגן די חנוכה-מנורה אויף די לינקע זייט פון די טיר פון הויז, כדי די חנוכה-לעכט זאָלן זיין אויף די לינקע זייט, די מזוזה אויף די רעכטע זייט, און אינמיטן - דער בעל הבית, מיט אַ טלית מיט ציצית.

**לכאורה** איז שווער, די מצוה צו צינדן חנוכה-לעכט איז דאָך ביינאַכט, וואָס דעמאָלס איז נישט דאָ די מצוה פון ציצית - 'לילה לאו זמן ציצית'. ממילא וואָס איז שייך צו זאָגן, אַז די לעכט דאַרפן זיין אויף דער לינקער זייט און דער בעל הבית מיט די ציצית זאָל זיין אינמיטן?

**ענטפערט** דער 'שפת אמת', אַז דורך די מצוה פון צינדן חנוכה לעכט, בלייבט אַ הארה פון קדושה אויף די טיר, אַזוי ווי די מזוזה. עס דאַרף בלייבן אַ 'רשימו' (אַ צייכן) אויף די טיר פונעם הויז אַ גאַנץ יאָר, עכ"ל.

**דאָס** מיינט, פונקט אַזוי ווי יעדעס הויז דאַרף האָבן אַ מזוזה אויף די טיר אַלס אַ שמירה, אַזוי דאַרף בלייבן אַ 'רושם' פון די חנוכה-לעכט פאַר'ן גאַנצן יאָר.

**לויט** דעם, איז פאַרשטענדליך וואָס די גמרא זאָגט אַז דער בעל הבית מיט די ציצית דאַרף זיין אינמיטן. די כוונה איז נישט אויף די צייט פון די הדלקה אין די נעכט פון חנוכה, נאָר אויפ'ן גאַנצן יאָר, אַז ווען דער בעל הבית וועט אַרויסגיין פון הויז (אויך אינמיטן זומער), זאָל זיין די הארה פון חנוכה לעכט אויף די לינקע זייט, און די קדושה פון מזוזה אויף די רעכטע זייט פון די טיר, און דער בעל הבית מיט די ציצית, אינמיטן.

**קומט** אויס, אַז אין צוגאָב צו זיינע ווערטער אַז די חנוכה-לעכט זענען משפיע קדושה אויפ'ן הויז פאַר'ן גאַנצן יאָר, און עס טוט אָפּהיטן דאָס הויז אַזוי ווי די מזוזה, איז נכלל אין דעם אַז דער מענטש דאַרף מיטנעמען די השפעות פון די חנוכה לעכט, אויפ'ן גאַנצן יאָר. נאָך חנוכה, זאָל ער נישט צוריקקערן זיך צו זיינע פריערדיגע וועגן און געוואוינהייטן, גלייך ווי גאָרנישט וואָלט פאַסירט.

**דער** "שם משמואל" שרייבט (ליל ג' דחנוכה, שנת תר"פ) אַז ס'איז נישט דאָ אַן איסור מלאכה אין חנוכה, כדי מ'זאָל נישט דאַרפן מאַכן הבדלה, ווייל די השפעות פון חנוכה בלייבן איבער אויפ'ן גאַנצן יאָר[לב].

---

דער טאָהשער רבי זי"ע האָט געזאָגט וועגן די מעלה פון שמן זית, די מטרה דערפון איז, אַז עס לאָזט איבער אַ רושם דאָרט וואו עס געפינט זיך. די פינגער וואָס אַרבעטן מיט'ן לעכטל און מיט'ן קנויט אַז ס'זאָל גוט ברענען, ווערן צוגעקלעבט איינס צום אַנדערן, צוליב דעם אויל וואָס קלעבט זיך אָהן אין זיי. דאָס איז אַ רמז, אַז מ'דאַרף איבערלאָזן דעם הייליגן רושם פון חנוכה אויפ'ן גאַנצן יאָר, און דער אור פון חנוכה זאָל זיך 'אָנקלעבן' אין די שפּעטערדיגע טעג...

אין קאַרלין, האָט מען זיך געפירט זאת חנוכה, צו טרינקען אַ געוויסע משקה וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוקער און אַנדערע תבלינים. עס רופט זיך 'פּמ"ש', וואָס איז די ראשי תיבות פון די ווערטער, פ'דעהו מ'רדת ש'חת (איוב לג, כד). דאָס איז אַ רמז, אַז פּונקט ווי די דאָזיגע 'משקה' טוט אָנקלעבן די הענט פון דעם מענטש וואָס רירט עס אָן, אַזוי דאַרפן מיר זיך 'אָנקלעבן' אינעם יום טוב חנוכה - 'אחזתיו ולא ארפּנו'...

נאָך אַ רמז איז דאָ אין דעם וואָס עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך, (סי' תרע"ז, ס"ד) אַז אויל וואָס בלייבט איבער אין אַכטן טאָג פון די הדלקה, מאַכט מען פון דעם אַ אַ פאַקל, און מען טוט עס באַזונדער פאַרברענען. פון דעם לערנען מיר, אַז די לעכט פון חנוכה דאַרפן אַריינשיינען אויך נאָך חנוכה, און פון דעם מאַכט מען אַ מדורה...

**לב.** הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע האט אמאל געצונדן די חנוכה לעכט גאר נאנט צו דער וואנט, און דורך דעם איז די וואנט געווארן שווארץ. נאך חנוכה האט מען געוואלט אפרייניגן די שווארצע פלעקן, אבער רבי

החכם עיניו בראשו'. מ'דאַרף איינזאַמלען אין זיך אין די 'ימי השובע' פונעם יום טוב, די גאַנצע התעוררות וואָס ער האָט געהאַט אין די חנוכה-טעג, און אַלע כוחות פון קדושה. פון דעם קען ער שעפּן כוחות און חיזוק אַ לאַנגע צייט, אויך אין די 'ימי הרעב'. דורך דעם וואָס דער מענטש נעמט אויף זיך גוטע קבלות, מיט וועלכע ער טוט 'צובינדן' דעם יום טוב צו זיך, מיט דיקע שטריק[לג].

**דאָס** מיינט נישט דווקא קיין גרויסע קבלות, נאָר דייקא קליינע קבלות וואָס ער קען בייםשטיין[לד], און אַזוי ווערט נמשך אויף דעם מענטש די קדושה און די ניסים ונפלאות, אויך ווען די טעג פונעם יום טוב וועלן אַדורכגיין[לה].

**מיר** זענען מתפלל, יהי רצון מלפניך ה' אלוקינו ואלוקי אבותינו, מיר זאָלן זוכה זיין זיך אָנצוקלעבן אין די קדושה פון די חנוכה-טעג, און עס זאָל נשפּע ווערן

---

שלמה קאַרלינער האָט נישט געלאָזט פאַרבן און אַפּריינִיגן די וואַנט, זאָגענדיג, אַז ער וויל עס זאָל איבערבלייבן דער רושם פון די לעכט אויפ'ן גאַנצן יאָר.

**לג.** הרה"ק רבי אהרן'לע קאָזשניצער זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט זיינע חסידים, וועלכער שניידער נייט דאָס קלייד אומזיסט. האָט איינער זיך אָנגערופן, אַז דער שניידער וואָס נייט אַ קלייד פאַר זיך אַליין, טוט עס אומזיסט. אַ צווייטער האָט געענטפערט, אַז איינער וואָס נייט-אויף אַ קלייד פאַר זיין זון, טוט דאָך עס נישט פאַר געלט. צום סוף האָט הרה"ק רבי אהר'לע געפרעגט איינעם מיט'ן נאָמען ר' אברהמ'טשע שטערן, וועלכער שניידער נייט אומזיסט, אָבער ר' אברהם'טשע האָט מורא געהאַט צו ענטפערן אויף די פראַגע פונעם רבי'ן. ער האָט געזאָגט, "מורה מורינו האָט געפרעגט, זאָל מורה מורינו ענטפערן...'. האָט דער קאָזשניצער רבי געזאָגט: - דער שניידער וואָס טוט נישט צובינדן צום סוף די פעדימער, איז דער וואָס נייט אומזיסט. זיין גאַנצע האָרעוואַניע איז אַן אומזיסטע, ווייל אָן דעם לעצטן קניפּ, טוהען אַלע פעדימער זיך אויפטרענען, און דאָס גאַנצע קלייד ווערט קאַליע.

ער האָט צוגעגעבן, אַז ער מיינט צו זאָגן, די ימים טובים וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן, זענען דאָ אַ סאַך מענטשן וואָס האָרעווען אינעם יום טוב, אָבער זיי האָבן נישט גענוג שכל אָפּצוהיטן די הארה פון די עבודה אויך אויף שפּעטער דורך גוטע קבלות.

**לד.** דאָס איז מרומז אין דעם מנהג פונעם 'דריידל' וואָס דרייט זיך אויף אַ קליינעם 'שפּיץ' פון אונטן, און אויף דעם דרייט זיך אַלעס. דאָס זעלבע, דורך אַ קליינע קבלה, 'דרייט זיך' דאָס גאַנצע יאָר...

הרה"ק רבי משה לייב סאַסובער זי"ע האָט געזאָגט אַ רמז, אויף דעם וואָס דער נס חנוכה האָט פּאַסירט דווקא מיט איין קריגל אויל, אונז צו לערנען, אַז כאָטש עס איז אַ 'קלייניגקייט', וואָס זעהט אויס נישט מער ווי אַ קליין קריגל, איז דווקא פון דעם נמשך געוואָרן דער נס פון חנוכה, כדי מיר זאָלן לערנען דערפון וועגן די חשיבות אויך פון אַ 'קלייניגקייט'.

די מצוה פון חנוכה לעכט איז, 'עד שתכלה רגל מן השוק', וואָס דאָס איז אַ האַלבע שעה צייט. פון דעם לערנען מיר, אַז אפי' אויב מען שטייט אויף די 'לינקע' זייט (אַזוי ווי די מנורה), און אויך ביי די 'טיר' פון הויז (אינדרויסן), זאָל מען נעמען אויף זיך כאָטש 'אַ האַלבע שעה'... פאַרשטייט זיך, יעדער איינער לויט זיין אייגנאַרטיגן מצב.

**לה.** אגב, דער מחבר פסק'ענט (שו"ע סי' תרעז ס"ד), אַז דאָס אויל און קנויטן וואָס בלייבן איבער פון די חנוכה-לעכט, מאַכט מען דערפון אַ 'מדורה' זאת חנוכה, און מ'פאַרברענט עס באַזונדער. צדיקים האָבן זיך זייער שטאַרק באַשעפטיגט מיט דעם הייליגן מנהג פון פאַרברענען די קנויטן.

עס ווערט געברענגט אין 'סידור רבי שבתי', אין נאָמען פון מקובלים, בזה הלשון: נאָך דעם ווי עס ברענט די אַכטע נאַכט, זאָל מען צוזאַמענעמען אַלע קנויטן און עס צינדן צוזאַמען מיט'ן שמן זית וואָס איז איבערגעבליבן אין קריגל. עס איז אַ סגולה מ'זאָל געראַטעוועט ווערן פון הריגה ח"ו, עכ"ל. דער רמז דערפון איז, ווייל די 44 לעכט (צוזאַמען מיט די שמשים) באַטרעפן אַזוי פיל ווי דאָס וואָרט 'דם'.

אין דעם כלל איז אויך, אַז מ'ווערט געראַטעוועט פון יעדן סאָרט 'שפיכות דמים', מ'זאָל אַפילו נישט דאַרפן מאַכן אַ 'בדיקת דם' ('בלוט טעסט'), נאָר מ'זאָל זוכה זיין צו בריות גופא ונהורא מעליא, בלי צרה ועקתא, אמן.

אַזוי האָט אויך געזאָגט הרה"ק בעל 'בית אהרן' זי"ע פון קאַרלין, ביים פאַרברענען די קנויטן: 'עס זאָל פאַרברענט ווערן דאָס גאַנצע שלעכטס פון אידישע קינדער - שלעכטס ברוחניות, און שלעכטס בגשמיות'...

אויף אונז אַ שפע פון ברכה און הרוחה אויפ'ן גאַנצן יאָר, צו דינען דעם אויבערשטען ווי ס'דארף צו זיין, און מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צום אור בהיר פון משיח צדקינו[לו], אמן כן יהי רצון.

---

**לו.** דער 'ספורנו' זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (מא, יד) אויפ'ן פסוק 'ויריצוהו מן הבור', אַזוי ווי יעדע ישועה פון באַשעפער וואָס קומט אין אַ סעקונדע, ווי דער נביא זאָגט (ישעיה נו, א) 'כי קרובה ישועתי לבוא'... און אַזוי איז געווען ביי יציאת מצרים, ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, לט) 'כי גורשו ממצרים', וואָס חז"ל זאָגן, אַז זיי זענען אַזוי שנעל אַרויסגעאַנגען פון מצרים, אַז דאָס טייג האָט אַפילו נישט באַוויזן זויער צו ווערן. אַזוי וועט אויך זיין לעתיד לבוא במהרה בימינו.